STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00292

GEZANGEN

Malka Lee

Permanent preservation of this book was made possible by
Marcia & Richard Grand
in honor of
Rena & Morris Grand

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַנגען

מלכה לי

א. גודלמאן.

Copyright by the
YIDDISH COOPERATIVE BOOK LEAGUE OF THE
JEWISH SECTION, I.W.O.
80 Fifth Avenue, New York, N. Y.
December, 1940
209

מיין ליד

איך האָב געליטערט דיך, ליד,
איך האָב געהייליקט דיך, ליד,
אין צער און אין פרייד דיך געטראָגן.
פאַרראַט מיך נישט, ליד,
פאַרשעם מיך נישט, ליד,
מיין האַרץ האָט מיט דיין ריטם געשלאָגן.

ס'איז בלוט איצט דער ים,
ס'איז צייט איצט מיט סם,
אין אַזאַ צייט דאַרף איך דיך געבערן.
געליטערט אין פלאַם,
געפּערלט דיין גראַם,
אין שטילקייט געוואַשן מיט טרערן.

דו קומסט אויף דער וועלט,
שריי אויס מיין געשריי, וויין אויס מיין געוויין.
זאָלסט קיין פאַרזעעניש ניט ווערן,
ביסט געביין פון מיין געביין,
ווער דערהערט אין מיין פיין,
אין פינצטערניש ליכט זאָלסט געבערן!

I

ס׳איז איך...

ס׳איז ניט א גלאָק, וואָס קלינגט געוואַלט
אין פייער און געוויטער —
ס׳איז איך — א מענטש, וואָס לויפט דורך וואַלד
אין פיבערדיקן ציטער...

ס׳איז ניט דער וואַלד, וואָס פלאַקערט העל
און ווערט אין פלאַם פאַרשניטן —
ס׳איז דער הארבסט, וואָס בייט זיין פעל
און טוט אים אויס פון בליטן...

ס׳איז ניט דער שניידנדיקער בליץ,
וואָס וויל אין חלל טויכן;
ס׳איז איך — א מענטש אין ציין געקריץ,
וואָס ציט זיך צו די הויכן...

ס׳איז ניט דער ים, וואָס רוישט מיט שוים
און ברויזט די וואַסערפאַלן —
ס׳איז די זון, וואָס לויכט אין רוים
און טרינקט דעם ים מיט שטראַלן...

ס׳איז ניט די פויק, וואָס פויקט און רופט
און דונערט ווילד און ווילדער;
ס׳איז דער שטילער טאָן, וואָס שלאָפט
אין פויק נאָך זיין געפילדער...

ס׳איז ניט דער פידל, וואָס וויינט אין האַנט
און כישופט דינסטע קלאַנגען;
ס׳איז דער עכאָ פון געזאַנג,
וואָס איז אָט ערשט פאַרגאַנגען...

ס׳איז ניט דער פויגל אין זיין פלי,
נאָר די וויט פון פויגלס פליען;
ס׳איז איך, וואָס צי זיך, צי זיך, צי —
מיט הענט צום פויגלס פליען...

ס׳איז ניט דער רים פון בריק צו בריק,
וואָס בינדט מיט טויזנט פעדים;
ס׳איז דער גלאַנץ איןביידנס בליק,
וואָס לויכט אונדז דורכן לעבן...

אַ טאָג

עס איז אַ בלאָנדער טאָג היינט אויפגעשטאַנען,
מיט אַ קריגל גאָלד אָנגעטאָן אין ליין,
אוועקגעשפּאַנט איבער ווייטע לאַנען,
מיט גאָלד באַגאָסן יעדן בוים און שטיין.

און איך בין היינט אויך אויפגעשטאַנען,
נאָכן טאָג ווי נאָך אַ שיינעם אינגל זיך געלאָזן גיין;
אזויפיל גוטסקייט היינט אין מיר פאַראַנען,
וועל איך שטיל און ציטערדיק נאָך אים גיין...

דאָס פעלד ליגט הויל און אָפּגעשניטן,
אָפּגעדעקט אַזוי ווי אַ יונגע פרוי,
וואָס האָט אין פּיין אַ סך געליטן —
איצט ליגט עס מיד און קוקט פאַר זיך אַזוי...

דער בלאָנדער טאָג האָט זיך שנעל געביטן
אין אַ פייערלעשער, וואָס לעשט און ברענט אליין.
דער טאָג האָט זיך אויף האַלב צעשניטן,
פון זיין האַרץ האָט זיך געגאָסן וויין...

שפּעטער איז אַ רייפער מאַן פאַר מיר געשטאַנען,
געגאַנגען מיט אים שנעל אַהיים,
און אַ סך, אַ סך האָב איך פאַרשטאַנען,
דעם סוד געלערנט אין זיין שטילן גיין...

אין אַלטן וואַלד

ווער איז געגאַנגען אין וואַלד דעם אַלטן ?
ווער האָט געלאָזן צייכנס אין טריט ?
אין אוראַלטן טאָל זע איך געשטאַלטן,
מיר דאַכט זיי גייען הינטער מיר מיט...

ווער האָט אין מיטן וואַלד דעם שטיין געלאָזן ?
ווי אַ צונג שטעקט דער דלאָט אין זיין מויל...
אין סאַמעט פון מאַכיקע בלעטער און גראָזן
וואַלגערט אַ שוך זיך מיט אַ פאַרטריקנטער זויל...

ווער האָט געשפּאַלטן די אוראַלטע פעלדזן ?
ווער האָט געשליפן פאַר אַ מילראָד דעם שטיין ?
דער פעלדז ליגט באַדעקט מיט מאַכיקע פעלצן,
ווער איז פריער פון מיר דאָ געווען ?

ווער איז געווען דאָ ? וואָס שווייגן די שטאַמען ?
ווער האָט פאַרפלאַנצט דעם אוראַלטן וואַלד ?
מיר דאַכט אויף שליאַכן געשטאַלטן נאָך שפּאַנען —
אין פינצטערן טאָל אַ האָרן נאָך שאַלט...

איך גיי דורךביימער אין שפּינוועבס פאַרשפּונען,
פון פינגער באַריר צעשטויבן צווייגן אויף אַש —
איך האָב דאָ אַ טשערעפּ פון אַ שיסל געפונען,
און אַ האַלדז פון אַן אַלטער צעבראָכענער פלאַש...

עס זיינען דאָ מענטשן אין פראָסט געזעסן,
אַרום די שטיינער האָט אַ פייער געברענט.
זייער געביין האָט די ערד אויפגעגעסן,
עס האָט ניט די צייט די קוילן פאַרלענדט...

עס ליגט אַ בוים־שטאַם ווי אַ טשערעפּאַכע,
זיין גוף מיט לעבער צעגעסן און שוואַרץ.
אין די וואונדן נעסטן שלענגעלעך וואַכע —
מוראַשקעס וואוינען אין ביימערשן האַרץ...

איך גיי אין וואַלד, איך זוך אַ נאָמען,
וואָלט עמעצער פאַרקריצט זיין פּנים אין שטיין ;
דער פעלדז ליגט פאַרגליווערט אין שווייגן אין שטומען,
דאָס שטיינערנע מויל האַלט דעם דלאָט צווישן ציין...

פיאָנערן־פרויען

איך זע אייך, פיאָנערן־פרויען,
זיצן אין וואַלד אַרום דעם שטיין.
איך הער פון ווילדע וועלף דאָס וואָיען,
אויף ערד — סימנים פון אייער זײַן...

עס ציט דער וואַלד זיך איבער מײַלן,
דורך יאָרהונדערטער צעבליט.
אין ביימער צייכנס נאָך פון פײַלן,
פון בויגן אינדיאַנערשן געצילט.

דער פעלדזנשטיין טראָגט נאָך שפּורן,
הינטער גרינעם מאָך שלומערן די טריט.
ביימער — זקנים זאַט מיט יאָרן,
און ביימער יונג מיט קעפּ פול צוויט...

עס דערציילן מעשיות זיך די צווייגן,
ווי די ערשטע האַק האָט אויפגעבליצט.
בוים האָט אויפגעציטערט אין זײַן שווײַגן,
זײַן געשריי אין ווײַטן אײַנגעקריצט...

די ערשטע קלעצער האָט איר געטראָגן,
מיט די נעגל געריסן אַ שטעג.
אויסגעשטאַנען הונגער־פּלאָגן,
מיטן פּנים צו די ווײַטע טעג...

איר זײַט אָט דאָ געשטאַנען,
מיט פּיס געקנאָטן דאָס געלע ליים.
צוזאַמען מיט אײַערע מאַנען,
געבויט אין וואַלד די ערשטע היים...

און ווער פון אייך עס האָט פאַרבראַכן,
געהויבן געגן אינדיאַנער־שטאַם זיין האַנט,
וואָס האָט געמאַכט אייך פאַר זיין ווייסן שכן,
איז דאָס די שולד פון אייער אַלטן לאַנד...

איך זע די אינדיאַנער טאַנצן,
איר טאַנצט דעם טאַנץ פון שלום מיט.
אַרום מאַלצייט פון די ערשטע פלאַנצן,
טאַנצט איר אויס די פרייד פון שניט...

איך הער אייך אין די ווינטן זינגען,
איך הער אין וואַלד אייך ווייגען ווילד.
איך קייטל זיך אין אייערע רינגען,
אייער גבורה אין מיין בלוט צעשפילט...

איר האָט געלאָזן אַלץ אין מיטן,
באַדעקט מיט ערד האָט אייך די צייט.
אייערע מעג אין מאָרגן איינגעשניטן —
איך בין אַ קינד פון נייער צייט...

עס זינגען פייגל אויף טויזנט שפּראַכן,
דאָס געזאַנג פון אייער מי.
איך זע דעם נייעם טאָג דערוואַכן,
איך זע דעם רויטן אינדערפרי...

אפשר וועט אויך אַזוי מיין מאָרגן,
צו אייך פּיאָנערן געגליכן זיין.
אין שווערן קאַמף צו זיין אַ קרבן —
זאָל מיין פאַרגיין אַ צייכן זיין...

דער העקער

ווען די זון גייט אויף איבער וועגן,
מיט גאָלדענע טריט שטילערהייט,
גייט דער העקער דעם טאָג אנטקעגן,
מיט בליציקער האַק ביי דער זייט...

ווי אַ פערד מיט געבונדענע אויגן,
וואָס דרייט די מיל בלינדערהייט,
אזוי גייט ער אין וואלד געבויגן,
מיט דער בליציקער האַק ביי דער זייט...

די האַק שניידט זיך איין אין די ריפּן
פונעם הויכן אוראלטן שטאַם.
אַ לאָרד! רופט ער מיט פליישיקע ליפּן,
די אויגן גליען מיט פלאַם...

דו האָסט דיביימער באַבלעטערט אין פארבן,
איצט פארבסטו זיי איבער אין רויט;
פארוואָס דערמאָנט מיך אַ בוים אָן שטארבן?
פארוואָס זע איך אין בוים דעם טויט?!

וואָלט דער וואלד געקאָנט איצט רעדן,
דערציילט וואָלט דער אוראַלטער בוים,
ווי עס האָט געצאַפּלט מיין זיידנס לעבן,
ווי אַ וואָרעם צו פיס פון המון...

ווען די זון איז אין פארבן פארגאַנגען,
האָט דער וואלד זיך געבלעטערט אין פלאַם;
אויף אַ בוים איז מיין זיידע געהאַנגען,
געברענט האָט דער בוים ביזן שטאַם...

עס פרעפּלען די ליפּן פארברענטע,
עס וויגט זיך זיין שוואַרצע געשטאַלט;
די האַק מיט זונליכט פארבלענדטע,
בליצט אינעם אוראלטן וואלד...

די האַק בליצט מיט טויזנטער זונען,
דער בוים קרעכצט מיט הילכיקן שלאָג;
ווי בלוט פון דער האַק וואָלט גערונען,
אזוי רינט די זון אויס פון טאָג...

דער פאָטער לינקאָלן

וואָס איז געקומען מיר אויפן זין,
דער פאָטער־לינקאָלן פון די שקלאַפן ?
איך שטיי אין פעלד און קוק אהין,
ווי עס ליגט די וואונדערוועלט באַשאַפן...

ווי די בערג ליגן אויסגעשפּרייט,
אויף בלויע נעפּלען אויסגעצויגן.
איך זע עס ציט אַ מענטשן־קייט,
אַ פאָלק מיט קעפּ געהויבן.

דער פאָטער לינקאָלן מיט זיין שטייפן הוט,
איך זע דורך בערג אים שפּאַנען —
די זון פאַרגייט אין אייגן בלוט,
די וואָלקנס שווימען אָפּ ווי שוואַנען...

עס שאַלט פאַר מיר זיין לייבן־שטים,
ער האָט די פריי פאַר זיי באַשאַפן.
איך שטיי אין פעלד און קוק אהין,
ווי עס ציען זיך באַפרייטע שקלאַפן...

עס זינגען אויף די שוואַרצע זין,
עס שאַלן זייערע דזשאַנגל־לידער.
און ער פירט די קינדער צום באַגין,
ווי שוואַרץ מיט ווייס פאַרברידערט...

אין רויטע פייערן וויקלט זיך דער ראַנד,
די זון פאַרגייט אין פלאַמען.
איך צי אוים אהין מיין שטומע האַנט,
אָ, לאָמיך גיין מיט אים צוזאַמען !

איך בין דער פלאַם פון זון־פאַרגאַנג,
וואָס האָט צום טאָל אראָפּגענידערט ;
אַלץ פאַרשטילט אין דין געזאַנג —
איך בין מיט באַרג און טאָל פאַרגלידערט...

עס שטערנט אויף דער הימל־דאַך,
די שטילקייט זינגט מיט איידער־וועדן —
אויף אַ זילבער־האָרן רייט די נאַכט
און פאַרזייט דעם טאָל מיט דימענט־שטערן...

צוויי אינדיאַנער

עס הוידעט זיך ים,
אויף פעסלעך זון.
צוויי אינדיאַנער,
אויף אַ געלער קאַנו...

צוויי אינדיאַנער,
מיט גופים ווי ליים.
מיט אָדלערשע פליגל,
שווימען אַהיים...

יעדער אָנגעטאָן,
אין קלייד פון זיין שטאַם.
ווי אַ צעקרייטער האָן,
מיט פלאַמיקער קאַם...

עס שווימט די קאַנו,
ווי אַ גאָלדענע שוואַן,
און פעסלעך זון
קייקלט דער ים...

איינער צילט
מיט פייל אין דער ווייט.
אַ כמאַרע פייגל
מיט פליגל צעשפּרייט...

דער האָרן צעשאַלט
אַזאַ רוף אין דער ווייט:
שענק אונדז דעם וואַלד!
שענק אונדז די פרייד!

שענק אונדז דעם שוואונג
פון הירש אין זיין טאַנץ,
און פלעכטן אויף קעפּ,
פון שטערן אַ קראַנץ....

גיב אונדז צו זעט,
פון פיש דאָס געפאַנג.
פון ווילדגראָז אַ בעט,
פון נאַכט דאָס געזאַנג...

מיט לייבער צעגליט,
אין נאַכטיקן שלייער...
טאַנצן דאָס ליד,
פון זון און פייער...

איינער קניט,
אין מיטן קאַנו —
דער צווייטער געשמידט,
שטייט קעגן זון...

ביים ברונעם

טונקל־הויטיקע פרויען,
מיט לײדיקע קרוגן.
אין באַגינען אין גרויען
זיצן און קלאָגן.

טונקל־הויטיקע פרויען —
פאַרברענטע ציפּרעסן,
אין באַגינען אין גרויען,
דעם דורשט צו לעשן.

ווי אַ בעלמע פאַרצויגן,
מיט שימל דער ברונעם.
שטייען קעמלען געבויגן,
מיט טרוקענעם גומען.

פון קי אַזאַ מרוקען,
פון אייזלען אַ וויינען.
די ערד איז טרוקן —
ביימער און פליינען.

טונקל־הויטיקע ווייבער,
מיט רינגען, בראַסלעטן.
אויף ערד זיך אַ שליידער
און בעטן, און בעטן.

אַזאַ וואָיען און קלאָגן,
פון אייזלען און פרויען.
נעמען כמארעס זיך טראָגן,
איבערן הימל דעם גרויען.

פאַלמעס ווי הארפן,
הויבן אָן זיך באַוועגן,
שאָטנס צו ווארפן,
אויף זאַמדיקע וועגן.

עס קומט אַ געוויטער
איבער דורשטיקע וועגן.
מיט אייזערנע ריטער
נעמט שלאָגן אַ רעגן.

טונקל־הויטיקע פרויען,
מיט מדבר אין אויגן.
אין טיפן פאַרטרויען,
צום ברונעם געבויגן...

פרימאָרגן

בלויער פרימאָרגן, ביסט אויפגעגאַנגען,
אַ בלוטיקער הימל האָט דיך געבאָרן;
די וואָלקנס — —ווינדעלעך ווייסע צעהאַנגען,
ווייס געוואַשן אין בלויע קאַיאָרן.

בלויער פרימאָרגן מיט פייגל צעזונגען,
בערג וואָס שפּאַרן אונטער דעם הימל;
קי אויף פּאַשע, מיט גלעקער צעקלונגען
און קינדער אין חלום זעגלען אין דרימל.

און בלעטער עפּענען אויף זייערע פינגער,
ווי צדקה־הענט טיילן זיי דימענט אויף גרין;
עס טאַנצן די גרילן, עס היפּן די שפּרינגער
און זינגען אַ ליד צום בלויען באַגין...

הינער און קאַטשקעס מיט רויטע קארעלן
טאַנצן אַנטקעגן מיט פליגל צעשפּרייט;
די זון מיט איר גאָלדענעם פּנים נעמט העלן
און טרינקט די טרערן אויף פעלדער פאַרזייט.

אַ פערד גאַלאָפּירט מיט אויערן פאַרריסן,
נעמט אויף זיין הירזשענדיק קול פונעם וואַלד;
זיין טרוקענע פעל מיט בייטשן פאַרשמיסן,
עס טאָגט אים אַנטקעגן זיין אייגן געוואַלט.

בלויער פרימאָרגן פון נאַכט אַ באַפרייטער,
די זון אין דער הויך — אַ פייערדיקער גלאָז;
טראָג מיך אַוועק — אַ לופטיקן רייטער,
וועב מיך איין אין ליכט פון בלויען פאַרטאָג...

פאַר אַ שטורעם

הימל מיט וואָלקנס — מילך־ווייסע קעלבער,
און פורן מיט היי אָנגעלאָדן.
באַרשטיק פאַרשניטן ליגן די פעלדער,
יונגען אין שוויים אויסגעבאָדן...

עס פרייכן די פערד מיט היץ און מיט פאַרע,
וואָלקנס זיך קלייבן און קלייבן.
עס יאָגן זיך קעלבער — כמאַרע אויף כמאַרע,
בייטשיקע בליצן די טשאַטעס צעטרייבן...

עס פינקלען די גאָפּלען אין היי איינגעביסן,
און טורעמען זיך הויך אויף די פורן.
שטייט אַ פויער אַן אַלטער מיטן קאָפּ פאַררעסן,
מיט פּלייצע געבויגן פון יאָרן...

זיין העמד מיט שטויב און שוויים דורכגענעצט,
דער שטערן אין זיגזאַגישע קנייטשן.
עס ציטערן די פערד מיט פליגן באַזעצט
און וואַרטן אויף רוף פון די בייטשן...

אָרום און אָרוםביימער זיך קריגן,
און ווינטן צעהוליעטע שרייען —
ביימער זיך ציען, קאָרטשען און וויגן,
און ווילן פון ערד זיך באַפרייען...

אויף שטורמיקן הימל בליצן פעכטן,
די כמאַרעס ווי קעלבער אַנטלויפן.
בליצן ווי שווערדן די כמאַרעס צעשעכטן,
און דאָס פעלד ווערט מיט רעגן באַזויפן...

אַ חתונה

אַט שטייט זי דאָ.
איר גוף סאַמעט ווייס,
די האָר צעקעמט,
איר שלעפּ צעלאָזט,
איר קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
די פּיס איינגעשפּאַרט
מיט שטומקייט און זי וואַרט.

און ער — אָנגעבונדן אויף אַ שטריק,
זיין פעל — שוואַרץ גראַניט,
די אויגן גליען,
די הערנער שטייף —
צוויי שטאָלענע ליכט,
אויף דער נאָז אַ רייף,
דער שוואַרצער ביק —
רייסט זיך פונעם שטריק.

פּלוצלונג — ווי אַ באַרג,
וואָס רייסט זיך אָפּ פון פעלדז —
ער גיט אַ שפּרונג צו איר,
דער שוואַרצער ריז,
מיט פונקען אין די פיס.
— אַן אוראַגאַן מיט ווינט און שטויב,
אַ פייער־וואָלקן הויבט זיך אויף.
הימל דרייט זיך אין געפלעכט,
הערנער אין געפעכט...
פּיס מיט פּיס —
אַ צוויי־קעפּיקער ריז...
עס שלאָגט זיין מויל
מיט שוים און רויך,
עס ברילט די חיה פון אוראַלט,
מיט ווילד פון וואַלד.
— — — — — — — — —
און זי, די קו —
מיט וואונדער אין איר בליק;
שטייט שטיל און מאַט
און קייט אַ גרינעם בלאַט...

די קו

ווער האָט אויפגעוועקט דעם פאַרטאָג?
וואָס איז געשען אין וואַלד אַרום?
אַ מאַמע־קו האָט זיך צעקלאָגט,
איבער בערג צעטרייסלט איר געברום.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געברומט.
מיטגעברומט מיט איר האָט וואַלד.
די בערג, וואָס שלאָפן אייביק שטום,
האָבן מיט איר געברום געשאַלט...

די מאַמע־קו, זי לויפט אום ווילד,
ברעכט די פּלויטן מיט איר גוף;
עס האָט דער אורוואַלד זיך צעברילט,
און אויפגעוועקט דעם טאָג פון שלאָף...

און איך האָב פּלוצלונג אויפגעוואַכט,
געכאַפּט פון וויג דאָס קינד אַרויס;
געבענטשט איז אָט־דער שטומער דאַך,
וואָס באַשירעמט די ווענט פון הויז...

איך האָב מיין קינד צו זיך געפּרעסט,
ס'געוויין מיט די הענט פאַרטויבט;
ווי אַ פויגל האַלט צו זיין נעסט,
ווען אַ שפּאַרבער האָט זיין רו גערויבט.

ס'האָט די מילך אין מיר אַ שפּאַר געטאָן,
מיט נאָדלען דינע דורך די בריסט;
איך האָב דערפילט די מאַמע־קו,
וואָס רופט און רופט איר קאַלב אומזיסט...

מען האָט פון איר דאָס קאַלב גערויבט,
איר מויל מיט שוים פון יאָמער זידט;
עס איז געבאָרן צו זיין געטויט,
די מאַמע־קו — זי ווייס עס ניט...

די וואָלקנס האָבן היים געברענט,
דער נייער טאָג איז אויפגעגאַן;
באַרג מיט באַרג האָט זיך דערקענט,
אויף פייער־וואָלקנס אין געשפּאַן...

דער שוואַרצער סאַלאַמאַן

אויף פענצטער־ראַמען זיצט שוואַרצער „סאַלאַמאַן"
און זינגט צו די בערג, וואָס וואַכן צוקאָפּנס;
זיצט „שלמה המלך" אויף אַ גילדענעם טראָן;
פון שטערן קאַפּען שווייסיקע טראָפּנס.

מיט אַ ווייסן טוך פּוצט ער די שויבן;
די זון פיבערט אין שויביקן טאַנץ.
ווייסע כמאַרעס — די ווייסלעך פּאַרצופֿינן!
שוואַרצע זונען אין אַפּלען צעגלאַנצט.

ער טוט זיך אויס פון שוואַרצער געשטאַלט
און שוועבט אַוועק צום ביבלישן קעניג;
ער איז הערשער פון פויגל און וואַלד,
בערג און טייכן צו אים אונטערטעניק.

די ציינער בלענדן דעם ליכטיקן מאָרגן,
די זון פּערלט דעם שווייס אויף זיין קאָפּ;
שלמהס תאווה אין אויגן פאַרבאָרגן;
פון די בערג איז ער געקומען אַראָפּ.

עס גייען אים נאָך מחנות חילות,
מיט גילדענע פאָנען, קעמלען און פערד;
צו „סאַלאַמאַן" געהערן גאַנץ פעלדער מיט תבואות,
קאָרן און ווייץ וואָס די ערד געבערט.

און ווייסע הירשן מיט הערנער געבויגן,
פאַרפּלאָנטערט אין צווייגיקן וואַלד פון אַמאָל —
טשערעדעס שאָף מיט דרימל אין אויגן,
ווי אַ וואַסערפאַל נידערן אַראָפּ אינעם טאָל...

טויזנט ווייבער מיט פויקן און צימבלען,
מיט זוניקע לייבער פון אוילן געבלענדט;
סאַלאַמאַן זינגט — און שוועבט אין די הימלען,
ווי שוואַרצע שלאַנגען זיך צאַפּלען די הענט...

ער זינגט צו די בערג, עס ענטפערן די וייטן;
„שלמה המלך" זיצט אויף זיין טראָן,
זיין לעבן באַהעפט מיט פאַרגאַנגענע צייטן,
דער טונקעלער קעניג — דער שוואַרצער „סאַלאַמאַן".

וואַסערפאַלן

וואַסער־מיידלעך טאַנצן אויס די קוואַלן,
ס'זינגען טייכן אין די גלידער.
וואַסער־מיידלעך ווי ווייסע כמאַרעס פאַלן,
און טויכן אויף אין דימענט־שלייערן ווידער.

וואַסער־מיידלעך ווייגן אויס די אויגן,
אין די טרערן שפּיגלען זיך די שטראַלן.
הינטער וואַסער־כמאַרעס איינגעבויגן,
זינגען זיי דאָס ליד פון פאַלן...

וואַסער־מיידלעך ווייסע שלייערן שפּרייען,
מיט געזאַנג פון ווינטן אין די אויערן.
וואַסער־מיידלעך אין אַ טאַנץ פאַרגייען,
און ווערן אינעם שטראָם איבערגעבוירן.

וואַסער־מיידלעך מיט שטורעם־ווינטן ווייען,
זייערע גלידער זינגען אויס די קוואַלן.
וואַסער־מיידלעך טאַנצן אויס די שנייען,
און זינגען געזאַנג פון וואַסערפאַלן...

אַ פערד אָן אַ רייטער

עס קומט אָן דער שטורעם אויף וואָלקנס צו רייטן.
מיט גאָלדענע לייצעס, ער יאָגט זיך פון ווייטן.

מיט פייער אין קלאָען, ער שווימט אין די הויכן ;
בליצט מיט די אויגן, און שוועבלט מיט רויכן.

ער שווימט איבער בערג, זיין בויך הענגט אינמיטן —
אזוי האָט דער שטורעם די וועלט דורכגעשניטן...

זיין ברום איז ווילד, דורך ציינער וואָס קריצן,
זיין קול איז דער דונער — זיין לאַך זיינען בליצן...

בלוטיקע בייטשן אויף הימל צעשוואונגען,
פייעריקע בליצן מיט פלאַמיקע צונגען...

עס פליט אויף אַ פעלד אַ ציך אָנגעבלאָזן,
ווי אויף אַ שטורמישן טייך אַ זעגל צעלאָזן...

און הענער מיט רויטע שנאָבלען צעקרייטע,
אויף פעלדער צעפלויגן מיט פליגל צעשפרייטע...

דער שטורעם נעמט האָגלען, דער שטורעם נעמט ריזלען,
דער רעגן נעמט האפטן מיט זילבערנע שפיזלען...

עס פויקן די דעכער, און פייקלען צום שטורעם,
בלעטער געפאַלענע פליען צו קברים...

ביימער צעשויבערטע ווי פרויען וואָס קלאָגן,
רייסן די האָר פון רעגן געצוואָגן...

עס האָבן צעעפנט זיך וואָלקנס פון רוימען,
ווי ליכט-פיש צעשוואומען אין ימיקע שוימען...

הילכיקע דונערן איבער בערג, איבער טאָלן,
האָבן די וואָלקנס אין טראָפּנס צעמאָלן...

עס האָבן זיך טייכן אויף בייכער געקייקלט,
מיט בלוטיקע פינגער האָט רעגן געפייקלט...

עס יאָגט זיך דער שטורעם — אַ פערד אָן אַ רייטער,
די וועלט איז אין בליצן — אַ פלאַמיקער שייטער...

זון-פאַרגאַנג

עס גליט דער הימל — פייער בראַנד.
אַנטליי מיר, גאָט, דאָס פּינדזל פון דיין האַנט.

מיין ליד צו פאַרבן פייער רויט,
פאַרוועבן אין דיין ליכט דעם סוד פון טויט...

אָט שטיי איך אינמיטן אַ גאָלדענעם פעלד,
און זע ווי דו פאַרבסט מיט דיין פּינדזל די וועלט...

אויף מיין פּנים לויכט אויף דורכזיכטיק די הויט,
פון וואָס פאַר אַ פאַרב איז געמישט אָט דאָס רויט?...

די פאַרב טריפט אַראָפּ, ווי עס וואָלט ברענען די ערד,
ווי אויף גליאיקע קוילן צעטאַנצט זיך אַ פערד...

מיט שווערקייט פון מילך צעלייגט זיך אַ קו,
אין די בהמהשע אויגן שלאָפט אַזאַ רו...

אויף יענער זייט באַרג אַ בראַנדיקע וואַנט.
אַנטליי מיר, גאָט, דאָס פּינדזל פון דיין האַנט...

האַרבסט

עס גאָלדיקט דער בלאַט, די גראָזן זיי ברוינען,
און אַ שטיבל אַ קליינעם צווי אַלטינקע וואוינען...

צוויי קלייניקע לייט: אַ זקנה און אַ זקן.
דורך שייבעלעך גרויע צום אָוונט זיי קוקן...

איבער זיי נידריק דער הימל געבויגן,
די כמאַרעס ווי ים־פיש שווימען פון אויבן...

דער ווייַנשטאָק האָט זייַנע טרויבן געבוירן,
די אַלטינקע לייט האָבן קרענצלעך פאַרשווירן...

פון באַרן־בוים הענגען ווי גלעקער די באַרן,
און פאַלן צום גרונט, און הויבן אָן דאַרן...

לעבן שטיבל ליגט אַן אָפענער ברונען,
וואָס שפיגלט דעם הימל מיט גאָלדענע זונען...

קומט אָן דער אָוונט, קאָן מען דאָרט הערן,
עס קלינגען אין ברונען ליכטיקע שטערן...

האַרבסטיקע פייגל ווייַנען זיך איבער,
און בלעטער געריש מיט נאַכטיקע לידער.

קומט אָן אַ ווינט ווי אַ רייטער צו לויפן,
וויגן זיך ביימער — שיכורים באַזויפן...

רייסן פון זיך די קליידער אין שטיקער,
און וויכער פון האַרבסט זיי טרייסלען זיך שיכור.

די טרויריקע זקנה קוקט צום געוויטער
און פלעכט אוים אַ בעזים פון טרוקענע ריטער...

דער זקן, ער קוקט מיט אויגן פול זאָרגן
און בעט אין דער שטיל — דערלעבן ביז מאָרגן...

אַ טויטער בוים

שטייט אַ בוים אין מיטן פֿעלד
מיט יונגע פֿאַרשניטענע יאָרן,
מיט צוויי דאַרע צווייגיקע הענט,
מיט פּיס, ווי פֿערדישע שפּאָרן.

אַמאָל האָט דער בוים געזונגען מיט גרין,
מיט בלעטער — אין זון־ליכט געצונדן;
האָט אַ בליץ — אַ פֿייעריקע שפּין —
זיין גוף אין שטיקער צעשונדן.

די גרינע הענט — שוואַרץ און פֿאַרברענט,
זיין קרוין ווי שטעכיקער דאָרן;
שטייט אַ בוים פֿאַרשניטן אין ערד —
די מאַמע, וואָס האָט אים געבאָרן.

ווי אַ פֿערד אין שפּרונג מיט אָפֿענעם מויל,
אויף שטענדיק געבליבן פֿאַרגליווערט;
די דאַרע קאָרע מיט שוואַרצקייט פֿון קויל,
זיין גוף אין וואונדן צעשפּליטערט.

נאָר היינט האָב איך דערהערט אַ געזאַנג,
דער טויטער בוים האָט געזונגען;
מיט מאָרגן־זון און פֿייגל־געקלאַנג
זיינען פֿייגל פֿון מויל אים געשפּרונגען.

אין שנאָבלען זיי טראָגן אַ זאַנג צו אַ זאַנג
און בויען אַ נעסט זיך צום לעבן;
און וועקן אים אויף מיט מאָרגן־געזאַנג,
צום בלויען הימל זיי שוועבן.

זיי בויען אַ נעסט און זינגען זיך צו,
די פֿייגל סווישטשען און שאַלן;
דער בוים בענקט צו אייביקער רו,
זיין גוף זאָל אויף שטויב זיך צעפֿאַלן.

געזאַנג פון האַרבסט

אַ, הערסטו דאָס ליד פון האַרבסטיקן וויינען ?
דער זומער זיך זעגנט מיט וועלדער און פּליינען.

עס וויכערט דער ווינט — דער האַרבסטיקער שניטער,
און טרייסלט די ביימער, די בלעטער אין ציטער.

ווי פייגל די בלעטער אין לופטן זיך יאָגן
און ווערן פון ווינט צו דעם אָפּגרונט געטראָגן...

אין ווירבל פון בלעטער, אין האַרבסטיקן יאָמער,
אין קערן פון זוימען דרימלט דער זומער...

***

געגאַנגען אַ זקנה אין גרויען געקליידט,
פון אירע גלידער מיט האַרבסט געווייעט...

געגאַנגען געבויגן, דער ווינט האָט געריסן,
מיט פּראָסטיקע ריטער איר פּנים געשמיסן...

געבלעטערט די טעג ווי האַרבסטיקע בלעטער,
געזען זיך פאַרצווייגט אין ליכטיקן שפּעטער...

איר לעבן אויף ערד וועט ניט ווערן פאַרלאָרן,
זי האָט דאָך אַ דור צו דעם מאָרגן געבאָרן...

עס וועלן זי דורות אויף דורות פאַרבייטן,
זי איז דאָך פאַרצווייגט אין מאָרגן אין ווייטן...

פאַרוואָס וויינען די בלעטער אין בלוטיקע פאַרבן ?
פאַרוואָס וויינט איר לייב — זי וויל נאָך ניט שטאַרבן...

אַלץ רייסט זיך צום לעבן, וויל ניט פאַרגיין —
אַ, הערסטו דאָס ליד פון האַרבסט־געוויין ?...

II

לידער פון מיין לאַנד

דיך מאָלן, לאַנד מיינס, מיט די בבל־טורעמס,
פון אַלומינום, בראָנז און גאָלד באַזוימט;
געפּאַנצערט מיט שילדן, ווי קריגער קעגן שטורעמס,
דיינע מויערן מיט קרענץ פון ליכט באַקרוינט.

דיך מאָלן, לאַנד מיינס, מיט די ליכט־קופּאָלן,
מיט פייער־פענצטער אין דער נאַכט צעבליצט;
דיינע טייכן מיט שיפן אָנגעשוואָלן,
דיינע קוימענס אין הימל איינגעקריצט...

דיך מאָלן, לאַנד מיינס, מיט עראָפּלאַנען,
ווי די פייער־אָדלער צום הימל־הויך;
ווי עס שלענגלען זיך יאָגנדיקע באַנען,
אין איינגעוויד פון מאַנהעטן־בויך...

דיך מאָלן, לאַנד מיינס, מיט הענגענדיקע בריקן,
מיט לאָמפּן ווי דימענטן אויפן האַלדז פון נאַכט;
ווי אַ וואָלף שפּיזט אָן די הונגעריקע בליקן,
ווען דאָס ווילד האָט אין זיין בלוט דערוואַכט...

לאַנד מיינס, מיט פּאַלאַצן און מוזייאומס,
שוויים פון גבורה דורך דורות איינגעשפּאַנט;
איך וואָלט געשאָלטן ווי דער פּאַסטעך עמוס,
מיט אַ שטעקן אין מיין פויסטנדיקער האַנט...

איך וואָלט זיין אַלטע קללה אויסגעגראָבן,
געשאָלטן, געשאָלטן דיין רייכן קלאַס;
מענטשן אין דער נידער ווי שווארצע ראָבן,
קראַקען אויס דאָס אומגליק אויף דיין גאַס...

אַנטקעגן דיינע מעכטיקע מעטראָפּאָלן,
שרעק און עלנט צופוסנס דיין יעדן הויז;
אַ לאַנד מיינס, איך וואָלט דיך מאָלן —
אויף יעדן טורעם — אַ מענטש גייט אויס...

הימלאַזע

אַ שוואַרצע פינצטערניש, פּלאַכט אויף פּלאַכט,
שנורן ליכטער אויפן האַלדז פון נאַכט...
אַ זאַווערוכע מיט דער נאַכט צעקריגט,
אַ חיה האָט די פעל פון זיך געפּליקט...

אַ ווייסע זאַווערוכע אין אַ ווילד געדריי,
ווי די וואָיענדיקע וועלף אין נאַכט געשריי...
לעבן אונטערבאַנען אויף קאַלטן שטיין פון טרעפּ,
ווי אָפּגעהאַקטע גלידער — הענט, און פיס, און קעפּ...

אויף די טרעפּ ווי שלאַנגען איינגעדרייט,
ליגן בירגער פון מיין לאַנד פאַרשנייט...
איינער וואָיעט אין דער נאַכט זיין וויסטן פלוך;
ווי אַ פיש וואָס עפנט אויף אַ מויל — זיין שוך...

לעבן אונטערבאַנען שויפענצטער צעהעלט,
פיגורן וואַקסענע אין פוטערן צעשטעלט.
פיגורן וואַקסענע אין פעלצן איינגעהילט,
— מענטש פון פלייש און בלוט מיט ציטערציין צעשפּילט...

די ווייסע זאַווערוכע אין אַ טאַנץ צעלאָזט,
מיט הויפנס שניי, און מיט בלויען פראָסט...
אין דער שפּעטער שעה האָב איך דורכגעשפּאַנט,
געזען די בירגער פון מיין רייכן לאַנד.

איך לויף אַריבער פיס, אַריבער מענטשן־קעפּ,
צו די אונטערבאַנען אַראָפּ, אַראָפּ די טרעפּ...
איך בין אַן אויסגעשריי אין דער וויסטער נאַכט:
אַ מענטש, דו מענטש, דו הימלאָזער, דערוואַך!

אויף בראָדוויי

ווי א זונה רופט בראָדוויי אויף סקווערן,
מיט דימענט קאַלטע בלענדנדיקע שטערן.
פאָרלעך ווי אין קאַדרילן אויף די ראָגן,
ווי אין אַ טאַנץ אויף בראָדוויי געטראָגן...

זילבער־פוקסן, אָוונט־שלעפּן, שלאַנקע גלידער,
צילינדער־היט ווי די קוימענס שטייגן איבער...
אַזאַ טאַנץ, זילבער־גלאַנץ, הימל ווי אין טראַנטעס,
מענטש־געפּלעכט, פלאַקער־נעכט ווי אין גיהנום דאַנטעס.

ווי א זונה מיט רויטע דימענט־פּעכער,
רופט בראָדוויי צו די הימל־דעכער...
איך טראָג זיך אין פאַרבן־שטראָם פון מאַסן,
ווי אויף אַ קאַרניוואַל: אַ מאַסקע צווישן מאַסקן...

איך בין אַן אורמענטש מיט מיליאָנען גלידער,
מענטשן־פּיס זיי טרעטן מיך אַריבער.
אַפּישן פינקלען קוועקזילבערדיק מיט ליכטער,
איך בין אַן אורמענטש מיט טויזנטער געזיכטער...

איך צי אַריין דאָס אומגליק פון דער נידער,
ווי אַ גאָלדשמיד שמעלץ איך עס אין לידער...

דער גאָלדענער טאָל

ווער האָט צעשאָטן די רענדלעך אָן צאָל,
אינעם גאָלדענעם טאָל, אינעם גאָלדענעם טאָל?

ווער האָט די נאַכט מיט ליכטער באַמאָלט?
אַ גאָלדענער טאָל מיט ליכטיקן גאָלד...

ווי אַ מיראַזש מיט גאָלד־ליכט פאַרבלענדט,
פינקלט דער טאָל מיט לאָמפּן צעהעלט...

אַנטקעגן — דער טייך מיט גאָלד און בריליאַנט,
צום גאָלדענעם טאָל שטרעק אויס דיין האַנט!

שעפּ אויס דאָס ליכט ווי שוימיקן וויין,
טראָג עס דער וועלט — ליכטיק זאָל זיין.

פעלקער־מאַרשרוט

טויזנטער טריט, געזיכט צו געזיכט,
די נאַכט ווערט דערטרונקען אין ליכט.

עס פינקלען די מויערן מיט לאָמפּן צעהעלט,
עס שרייבן אַפּישן מיט עלעקטרישע הענט.

עס פליט מיט צוויי גרינע אויגן אַ באַן,
וואַגאָן צו וואַגאָן — אַ גאָלד קאַראַוואַן...

אַ קלאָון לאַכט מיט אַן עלעקטרישער צונג —
פייער ציינער אין זיגזאַגישן שפּרונג.

אַ שאָל מיט קאַווע אין נאַכטיקער הויך,
גייט אויף אין לופטן מיט דופטיקן רויך.

בראָדוויי טאַנצט מיט אייזערנע טריט,
אַלע פעלקער אין איין בונד געשמידט.

טריט הינטער מיר, פאָרויס און פאָרויס,
מענטשן פון פעלקער מישן זיך אויס.

מיט שיכורע טריט איך גיי און איך גיי,
מיט פעלקער צוזאַמען אין האַרץ פון בראָדוויי.

מענטש, מיין מענטש — געביין פון געביין,
פאַרוואָס־זשע קריצן פעלקער מיט ציין?

פאַרוואָס־זשע גיסט מען דעם שטאָל אין קאַנאָן,
אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן?

פאַרוואָס־זשע שמעלצט מען דעם סערפּ אין אַ שווערד?
זיי אַפּצוואַווישן אין גאַנג פון דער ערד...

— — — — — — — — — — — — — — —

ניטאָ אַזאַ טרונק, וואָס קאָן לעשן מיין בלוט,
ווען עס פויקט דער טויט אין פעלקער־מאַרשרוט.

שכנים

איך וואוין צווישן שכנים, שכנים א סך,
טיר לעבן טיר, און דאך לעבן דאך.

שכנים פון לינק, און שכנים פון רעכט,
שכנים צעטיילט ווי טעג און ווי נעכט...

אין טירן א סך וואוינט די נויט,
דורך שוויים פון הענט עסט מען דאָס ברויט...

און פענצטער זיינען א סך דאָ פאַראַן,
יעדער פענצטער פאַר זיך — א ים...

פענצטער מיט בלומען און קינדערשע קעפּ,
פענצטער פאַרשטעלט מיט לייטערס אויף טרעפּ...

און פענצטער ווי גאָלדענע טאַצן מיט ליכט,
וואָס פינקלען מיט זון אין יעדן געזיכט.

און פענצטער באַפינגערט מיט קינדערשע הענט...
און פענצטער פאַרמויערט ווי קברים אין ווענט.

און פענצטער מיט זון פון פרי ביז ביינאַכט,
און פענצטער וואָס שפּיגלען בייטאָג אָפּ די נאַכט.

א סך פון די שכנים זיינען מיר פרעמד;
מיר קאָנען זיך געבן דורך פענצטער די הענט...

דאָס בלינדע הויז

דורך גאָלדענע שויבן צום מאָרגן אַרויס,
שטייט אויף אַ גאַס דאָס בלינדע הויז.

די פענצטער טרינקען פון שטראַלן דאָס גאָלד,
און ווערן פון בלויע הימלען באַמאָלט...

נאָר אינעווייניק ליגן מיט אויגן פאַרגלייזט,
זיבעציק בלינדע און אַלטע לייט...

זיי האָבן קיינמאָל די זון ניט געזען,
אין איר זונאויפגאַנג, אין איר זונפאַרגיין...

ווערט די גאַס באַלויכטן מיט עלעקטרישע ליכט,
איז פינצטער דאָס הויז, ווי יעדנס געזיכט...

פאַר זיי איז בלויז אייביקע נאַכט פאַראַן,
אַזוי דרימלען אין חושך זיבעציק מאַן.

גייט ווער דאָס פינצטערע הויז פאַרביי,
דאַכט זיך, מען הערט אין נאַכט אַ געשריי.

דורך נאַכטיקע גאַסן דאָס לעבן צעשאָלט,
ביי די פינצטערע שויבן גלאָצט אַ געשטאַלט...

צו די גאָלדענע שטערן ער ציט אויס די הענט,
און ווערט אין דמיון פון אַ חלום פאַרבלענדט.

און גלאָצט אין דער נאַכט דורך די פענצטער אַרויס,
און חלומט פון ליכט דורכן פינצטערן הויז...

אין קעלער

איך מאָל דאָ אַ קעלער, מיט טירן אַ פּאָר,
אין שכנות — אַ מאָלער און אַ סקולפּטאָר.

אַ קעלער אַ גרויער, ווי אַ קעלער דאַרף זיין,
עס קומט דאָרט קיין ליכטיקער שטראַל ניט אַריין.

דער ווינט שפּילט אַ ליבע מיט אַ טיר אויף אַ שטריק,
שלעפּט זי צו זיך, און שטויסט זי צוריק.

דערנעבן אַ פּיאַנאָ מיט ראָסטיקע ציין,
דער ווינט פּויקט אַ ליד אויף איר ווייסטן געביין...

דער רוקן צעבראָכן, די גלידער מיט ראָסט —
דער ווינטער שפּילט אויף קלאַווישן מיט פראָסט...

דערנעבן, אַן אויוון מיט זשאַווער פאַרברענט,
באַקט זיך דער ראָסט אויף בלעכענע ווענט...

און אַ קינדיש וועגל מיט אַ קישעלע פּוך,
צופּוסנס זיך וואַלגערט אַ קינדערשער שוך...

און פענצטער מיט מיסט, קאַלך און צעמענט,
וואָס שיילן זיך ווי לישאַיעס פון זאַמדיקע ווענט...

אין מיטן אַ קעסל מיט דאַמף און מיט רויך,
עס פּלאַקערט אַ פייער אין אייזערנעם בויך...

פון סטעליע וויינען די רערן אַראָפּ,
ווי גרויסע טרערן, וואָס פאַלן ווי באָב...

דאָס איז דער קעלער מיט טירן אַ פּאָר,
אין שכנות — אַ מאָלער און אַ סקולפּטאָר...

פון דער הויך

דער פאַרטאָג אין נעפּל — אַ גרויע הון
האָט געלייגט אַ גאָלדן איי — די זון...

די זון איז אַרוים מיט גליאיקן גאָלד —
אַלץ איז געוואָרן מיט שיינקייט באַמאָלט.

שויבן פון הייזער — פּראָזשעקטאָרס צעהעלט,
האָבן געשמייכלט מיט גאָלד צו דער וועלט...

ווי נאָר די זון האָט געוואָרפן איר ליכט,
האָט אויפגעבליצט אַ מענטשלעך געזיכט...

אויף אַ טורעם צעפּלאַטערט — אַ לעבעדיקע פּאַן
פּאַכט אַ מענטש מיט אַ האַמער באַגאָסן מיט זון.

אויף סקעלעט־הייך פון פופציקסטן שטאָק
וויגט זיך אַ צווייטער, ווי אַ צונג פון אַ גלאָק...

אין שוואַרצע ברילן דער מענטש אין דער הויך,
הענגט אויף אַ רימען וואָס גאַרטלט זיין בויך...

אין דער האַנט אַ לאָמפּ — אַ פלאַם־בלויע שפּין,
וואָס בליצט מיט פייער פון וויאָלעט און גרין.

ער ברענט דאָס שטאָל און בויערט עס איבער,
און הענגט מיט זיין לעבן איבערן אָפּגרונט אריבער...

פאַרבער אויף „פייער־עסקייפּס”

הינטער אַ באַלקן, הינטער אַ שוואַרצן,
שטייען דריי פאַרבער און פאַרבן.
אין מאַנטלען פאַרשמאָלצן, מיצן פאַרדאַרטע,
מיט באַרשטן רויט פלאַמיקע פאַרבן.

דריי יונגען געזונטע הענגען אריבער,
פון פייער־עסקייפּס, ווי פון אַ לופטיקער בינע.
אין דרויסן דער פרילינג, די ביימער פאַרבט איבער,
אין בלעטער און פאַרבן אין גרינע.

זון אין די שויבן, זון אויף די יונגען —
זיי שפּילן מיט באַרשטן מיט רויטע.
איבער זשאַווער פון לייטערס — באַרשטן צעזונגען,
באַרשטן אין הענט אין פאַרטרויטע...

אויף גאַסן אויף ברייטע גאַניקעס שיינען,
ווי שיפן אויף טונקעלע ימען.
די פאַרבער — מאַטראָסן שטייען אין איינעם,
אויף לייטערס און פאַרבן צוזאַמען.

ביים ברעג פון ים

איך זינג צו דיר, מיין לאַנד, אַ הימן,
איך זיץ ביי דיינע ברעגן היינט;
איבער מיר דער שענסטער בלויער הימל,
צו מיינע פיס דער בלויער ים צעשפּרייט.

דיינע קינדער נאַקעט ביי די ברעגן
באַקן זיך אויף דיין קלאָרן זאַמד;
זעגלען שווימען ווי שוואַנען דיר אַנטקעגן
און באַפליגלען און באַצירן דיך, מיין לאַנד.

און וואו איך ווענד מיין בליק — אַזוי פיל רחבות,
פעלקער ווי אַ רעגנבויגן אויפן זאַמד;
דיינע זין און טעכטער שלאַנקע ווי די פּאַלמעס,
מיט בראָנזן־לייבער פון דער זון צעפלאַמט.

שטראַלן פלעכטן אויס אַ כישוף־פינדזל,
מאָלן דעם מענטשן־ים מיט זון —
פון ווייט וואַקסט אויס אַ גרינער אינדזל,
די ביימער ביז אין הימל שפּאַרן אָן.

ביים האָריזאָנט זיך גרענעצן צוויי ימען,
אַ קייט מיט ביימער ציען זיך אין ריי,
מיט גרינע קרוינען, און מיט הייסע שטאַמען
טרינקען זיי די מילך — פון כוואַליעס־שניי...

צעשוימטע כוואַליעס קושן דיינע ברעגן,
פאַרלעך ארומגענומענע זיך ליבן;
און נעגער־פאַרלעך טאַנצן זיך אַנטקעגן,
אַלע פעלקער אויף איין ברעג פאַרקליבן...

ווי אַ גאָרטן מיט אויסטערלישע בלומען,
שירעמס אויף די ברעגן פאַרזייט;
הייסע לייבער ליגן דאָ ארומגענומען —
און טרינקען זון און ליכט און פרייד.

איך זינג מיט אַלעמען צו דיר אַ הימן,
ווי קינדער פון איין מאַמען און איין טאַטן;
אין בונד פון פעלקער — אונטער פרייען הימל,
זיי געבענטשט, דו לאַנד מיינס פון די שטאַטן!

דער נעגער אין סאָבווײ

אין אַ נאַכט אַזאַ בין איך געפאָרן אהיים,
האָב איך אין באַן פאַרנומען אַ יאָמער־געוויין...
אַ יונגער נעגער מיט פאַרבראָכענע הענט:
„אָ לאָרד, אָ לאָרד אָ, העלף מיר, העלף!
זיי האָבן געוואָיעט אויף אים ווי די וועלף,
פאַרוואָרפן אַ שטריק, ווי אויף אַ פערד אַ צוים,
און אים אויפגעהאַנגען אויף אַ סאָסנע־בוים...
אָ לאָרד, וואָס האָסטו פאַרקוילט זיין הויט,
פאַר זיין שוואַרצן אָפּשטאַם צו ווערן געטויט...
איך הער איצט אין ווינט זיין קינדערשן רוף —
אויף אַ סאָסנע וויגט זיך מיין ברודערס גוף..."

ער פּאַטשט די הענט און בײלט זיי ווילד,
אין יעדן מענטשן ער זעט דעם מערדערס בילד...

אין סאָבווײ פאָרן מענטשן אַ סך,
גיט פּלוצלונג דער נעגער זיך הויך אַ צעלאַך,
ער פּאַטשט אין זיין קני: „מיין ברודער, ער שפּרייזט,
זיין קאָפּ פאַרוואָרפן, זיין גוף אויסגעלייזט..."
דער נעגער לאַכט, ער קייכט, און ער זינגט,
זוכט אין די טאַשן דורך טרערן און ווינקט,
און ער וויגט זיך אום אויף די שיכורע פיס,
עס ווײנט אויף אַ קול אַ טונקעלער ריז...
אהין און צוריק דער נעגער, ער שפּאַנט,
ווער עס פאָרט מיט, טראָגט די שאַנד —
„אָ לאָרד, אָ לאָרד, איך האָב געוואונען די שלאַכט" —
צוויי שרענגעם ציין שניידיק צעלאַכט...
„אָ לאָרד, אָ לאָרד, אָט קומט ער צוריק,
אויף זיין האַלדז דער שלייף פון אַ ווייסן שטריק...
מיין ברודערס האַלדז ווי אַ פידל דין,
אנטשווינגן אויף אייביק מיין ברודערס שטים..."

איך הער איצט אין ווינט זיין קינדערשן רוף,
„אויף אַ סאָסנע וויגט זיך מיין ברודערס גוף"...
ער הויבט זיין פויסט און בײלט זי ווילד,
אין יעדן ווייסן ער זעט דעם מערדערס בילד...

אַ בוקעט מיט בלומען

אויף פערצנטער גאַס — אַ מענטשלעכער תהום,
אויטאָס משונהדיק ברומען.
מיר זיינען פאַרביי געגאַנגען אַ קראָם,
האָט אַ חבר געקויפט מיר בלומען...

די גאַס מיט מענטשן — אַ מילגרוים פול,
זיי ווערן אין שטראָם געטראָגן:
בלאַסע קינדער גייען פון שול,
און אויטאָס זיך יאָגן און יאָגן.

יעדער וועג מיט מענטשן איז שוואַרץ,
באַנען און האָרנס — זיי זשומען.
און איך טראָג, ווי אַ קינד צו מיין האַרץ,
אַ בוקעט מיט דופטיקע בלומען...

און פּלוצלונג איך זע — אַ פעלד און אַ וואַלד,
די הויכע געביידעס פאַרשווינדן.
אַרום און אַרום מיט טייכן עס קוואַלט,
און עס שמעקט מיט סאָסנעס און לינדן...

אין אַ וואַלד אַ גרינעם איך שפּאַן און שפּאַן,
און ביימער אַנטקעגן מיר קומען.
עס פירט מיין פוס מיך אַראָפּ צו דער באַן,
און איך שוועב צווישן ביימער מיט בלומען...

ס'איז מאַי, דער בעז איז שוין רייף,
און ביימער פון עפּל שוין צוויטן,
און דאָ אין סאָבוויי שמעקט מענטשלעכער שווייס,
און איך מיט די בלומען אין מיטן...

בלומען געהערן צום געזאַנג פון ערד,
צו זון און גאָלדענע לאַנען.
זיי ווערן פון רעגן און שטראַלן גענערט,
ניט פון שווייסיקע לייבער אויף באַנען...

אַן אייזערנער פעבער פּאַטשט אין גערדריי,
און מאָלט די מידקייט פאַנאַנדער.
הענט אויף די הענגערס, רייען נאָך ריי,
מענטשן פאַרקנוילט מיט אַנאַנדער...

זיי אַלע פאָרן פון אַרבעט, אַהיים,
אַזויפיל מענטשן פאַראַנען!

יעדערער פירט די דאגות אהיים —
דערפאר אזא ענגשאפט אין באנען...

און יעדערער אָטעמט אַ גאָרטן איצט איין,
אויף טרוקענעם לעדערנעם גומען.
זיי טרינקען דעם בעז ווי דורשטיקן וויין,
עס שליסן די אייגלעך די בלומען...

איך פיל אויף מיין לייב אַ מענטשנס געוויכט,
זיין שטערן געהאַמערט אין קאַרבן.
איך גראָב אין די בלומען איין מיין געזיכט,
די בלעטער — זיי נעמען שוין שטאַרבן...

גופים געשטויסן פאַלן צו מיד,
מיילער פאַרקלעמטע דאָ שטומען.
און איך טראָג אויף די ליפּן אַ ליד,
אין די הענט — פאַרחלשטע בלומען...

אַ גאָרטן פון ניו-יאָרק

ניט שלאַנקע ביימער ציען זיך צו רוימען,
נאָר ביימער דאַרע מיט שטויב-באַדעקטע קרוינען,
אין גאָרטן פון ניו יאָרק...

ניט בלויע פייגל אויף גרינע צווייגן רוישן,
נאָר גאַסן-פּרויען סם פון לייבער טוישן,
אין גאָרטן פון ניו יאָרק...

ניט אַ גאָרטן וואו לאַכנדיקע קינדער לויפן,
נאָר קינדער באָרוועסע צייטונגען פאַרקויפן,
אין גאָרטן פון ניו יאָרק...

ניט בלויע גאָלד-באַזוימטע הימלען,
נאָר מידע הונגעריקע מענטשן דרימלען,
אין גאָרטן פון ניו יאָרק...

ביימער דאַרע אַ גאָרטן בלויז דערמאָנען,
אין פרילינג שוין די קנאָספּן וויאַנען,
אין גאָרטן פון ניו יאָרק...

טריט

איינס, צוויי, איינס, צוויי,
גייען, גייען, גייען טריט ;
טויזנט זייגערס אין איין שלאָג,
קלאַפּן אויס דאָס האַרץ פון טאָג...
און איך גיי דאָ אין דער מיט,
קלינגען אויך דאָ מיינע טריט...

הין און קריק, הין און קריק,
ווי פערד פון קריגער אויף אַ בריק ;
אַן אָרקעסטער שפּילט אין טריט
און די הערצער זינגען מיט.
לייב צו לייב, גליד צו גליד,
פיס מיט פיס אין גלייכע טריט...

ווער עס לויפט צו זיך אַהיים,
אין וועמעס טריט איך הער געוויין...
ריטמיש, ריטמיש גייען מיט,
עס באַהעפטן זיך די טריט,
האָסטו פיינט, צי האָסטו ליב,
גיי, און גיי, און ווער ניט מיד !

טריט פון דורות פון פאַרצייט,
הער איך קלינגען אין דער ווייט...
פיס פאַרשטומטע אין דער ערד,
אין די טריט זיך אומגעקערט...
זייער לעבן לאַנג פאַרבליט,
און עס הילכן זייערע טריט...

טריט פון שטיין, טריט פון שטאָל,
גייען, גייען אָן אַ צאָל.
הין און קריק, הין און קריק,
און עס פויקט מיט טריט די בריק.
כ'גים צונויף זיך מיט די טריט,
ווי רינגען אין אַ קייט געשמידט...

און אין די טריט — פאַרויס די צייט,
דורך פּיין צום נייעם מאָרגן גייט...
מיט ווינט און שטורעם אין די האָר,
שפּאַנט און שפּאַנט אַ נייער דור...
צו אַ לעבן פול מיט פרייד,
כ'הער די טריט פון נייער צייט...

אַז מיין לעבן וועט פאַרגיין —
און מענטש פון נייער צייט וועט גיין,
וועט אויך מיטשפּאַנען מיין טראָט,
אין גאַנג פון נייעם מענטש פון שטאָט,
וועט אויך מיטשפּילן מיין ליד,
אין געזאַנג פון זיינע טריט...

דער ליכטיקער טורעם (אין אָנדענק מ. אָלגינען)

פאַראַן טעג, ווען מענטש — ווי אַ שיף:
אַ שיף — וואָס וואַקלט אין שטורעם.
עס עפנט זיך אָפּגרונט אין טיף
און פּלוצלונג — אַ ליכטיקער טורעם.

עס קלינגען די כוואַליעס מיט שוים,
עס פּויקן די ווינטן מיט שטורעם;
מיט פּעכיקן שוואַרץ קנוילט דער רוים —
די שיף שווימט אַנטקעגן דעם טורעם.

די שיף — ווי אויף כוואַליעס טרעפּ,
זיך וואַקלט אין שטורעם געוויטער;
די רויכן ווי שלאַנגישע צעפּ
פאַרפלאָכטן מיט בליציקע ריטער...

דער טורעם, ער לויכט אין דער ווייט
און שלײַדערט זיגזאַגישע זונען;
די פאָנען צעפלאַטערט מיט פרייד,
די שיף האָט זיך ווידער געפונען.

אין טעג פון שטרויכלונג און קאַמף,
ווי אַ שיף געטראָגן אין שטורעם,
האָט דיין ליכט פאַר מיר געפלאַמט
אין דער פינצטער — —אַ ליכטיקער טורעם...

III

טרייענגל-פייער *)

צו אייך, מיינע שוועסטער פארלענדטע,
אייער טויט אין מיין ליד וועב איך איין.

געווען איז א טאָג אזא גרויער,
א רינג אין קייט פון דער וואָך.
די נויט האָט מיט וועלפישן לויער,
געטריבן די מיידלעך אין יאָך.

דער שאַפּ האָט געראַדערט מיט רעדער,
מאשינען אויף שרויפן אין רויש.
געבויגן אין רייען האָט יעדער,
געוואָרפן דאָס לייוונט אין קויש.

געווען זיינען פענצטער פאַרוואקסן,
מיט חושך פון שכנישן הויז;
מיידלעך — געבויגענע אַקסל,
געקוקט אין דער פינצטער ארויס...

א שויב האָט זיך קיינמאָל געשפּיגלט,
אין גאָלדענעם שטראַל פון דער זון;
די טירן אויף שלעסער פאַרריגלט —
אויף לאָמפּן פאַרביטן די זון...

די טירן — פאַרשמאָלצענע ברעטער,
פאַרפּעסטעט מיט קלעפּיקן שוויים;
ווי טויטע מיסטיקע בלעטער,
האָבן דילן געאָטעמט היים...

און גלאַנציקע שטאָלענע שערן,
צאַפּלען אויף הילצערנעם טיש;
מיט לייוונט די מיילער זיך נערן,
ווי דורשטיקע מיילער פון פיש...

*) באַזירט אויף דעם פייער, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער טרייענגל-פאַבריק אין ניו יאָרק, פרילינג 1911.

און פינגער זיך ציען אין פיבער,
ווי רודערס זיך ווארפן די הענט;
ווי שטיקער באזונדערע גלידער,
פון אייגענעם גוף אפגעפרעמדט...

מאשינען מיט נאדלען מיט בלאנקע,
אין צעפיבערטן טאנץ זיך צעלאזט;
עס וויינען די פינגער די שלאנקע,
די נאדלען — פארגליווערטער פראסט...

און יעדער צעקארבטער שטערן,
יעדער פנים צעאקערט און הייס,
באזעצט מיט דימענט־טרערן:
שטערנס — פארשוועסטערט דורך שוויים...

א כלה — זי וויגט זיך געבויגן,
אויף פליגלען זי טראגט זיך געשווינד...
א חלום פארוועבט אין די אויגן,
א חלום אויף פליגלען פון ווינט...

עס זינגען מיט פרייד אירע גלידער,
זי ציט זיך צום טאג ווי א שטראל;
ביים מאשין געזונגען אים לידער,
געזונגען ווי אין פעלדזן א קוואל...

ביים מאשין געשפונען דעם מארגן,
וואס וועט זיי ברענגען די פרייד.
אין די פאלדן פון העמדער פארבארגן,
דארט ליגט איר חלום פארנייט...

עס שיפן זיך זיינע אויגן,
ווי שיפלעך צו איר יונגן הארץ;
ווי אין בלענדיקן רעגנבויגן,
זיך מיניען די אויגן אין שווארץ.

אזא נאכט — אונטער גאלדענע שטערן;
דער הימל פינקלט און גליט.
אין טאנץ פון וואלצן און שערן,
זי —— אין א ראד אין דער מיט...

א גאָלדענע חופּה — דער הימל,
געשטיקט מיט בריליאַנטענע שטערן ;
מענטשן אין טאַנץ געווימל,
און אויגן וואָס לאַכן דורך טרערן.

ביי די זייטן יונגען מיט צימבלען,
אַ פידל — פאַרגייט זיך אין וויינען...
פאַרלעך — צעוויגן די הימלען,
מיט שטערן זיי טאַנצן אין איינעם...

אזוי האָט געחלומט די כלה,
די גלידער צעזונגען אין פרייד.
אזוי האָט געחלומט די כלה —
איר חלום אין העמדער פאַרניייט...

דאָס רעדל דרייט זיך געשווינדער,
מאַשינען פאַרדרייען דעם קאָפּ...
אין סוועט־שאָפּ אַ ווילדער געפילדער —
האָרי־אָפּ ! האָרי־אָפּ, האָרי־אָפּ !

אַ קויש מיט אַ מויל און צוויי אויערן,
שלינגט דאָס געניי פון דער האַנט ;
ווערט בייכיק מיט העמדער צעיוירן
און כוואַליעט אריבער דעם ראַנד...

ס'איז ניט מיט אַ האַנט צו דערלאַנגען,
דער שאָפּ איז מיט לייוונט פאַרפלייצט.
עס שמעקט נאָך פון לייוונט מיט זאַנגען,
עס שמעקט נאָך פון לייוונט מיט ווייץ...

עס פאַלן בלוזן און העמדער,
אַ וואַסערפאַל גליטשט זיך און בלענדט ;
אין זיי וועט זיך הילן אַ פרעמדער,
איר וואַרעמקייט פילן אין העמד...

די כלה — שטיל ווי געפאַנגען,
ציט זיך, און ציט זיך צום ליכט ;
די ברעמען — שוואַרצע פאָרהאַנגען,
פאַרהילן איר ליכטיק געזיכט...

זי האָט יאָרן אין שאָפּ אָפּגעגעבן,
זי האָט יאָרן די זון ניט געזען;
ווי אַ פליג אין שפּינוועבס פון פעדים —
נאַכט איז דאָ אייביק געווען...

עס רינען די לעצטע רעגעס,
פון וואונדיקן האַרץ פונעם טאָג;
מיידלעך געבויגן אין שרענגעס,
אַ פּלייצע שווער ווי אַ וואָג.

די טיר אויף שלאָס איז פאַרשלאָסן,
אין שאָפּ איז פינצטער און היים;
די ווענט מיט טרערן באַגאָסן,
געמישט מיט מענטשלעכן שוויים...

און ווען עס גלייבט זיך אַן אַקסל,
און ווען עס שטרעקט זיך אַ פוס,
איז אַ ריז ווי אַ סלופּ אויסגעוואַקסן,
מיט אויגן האַרטע ווי נוס...

די גופים פאַרפּייניקט אין ציטער,
זיך בויגן אין טעגלעכן יאָך...
דער טאָג — אַ טונקעלער שניטער,
שניידט זיך אין קייט פון דער וואָך...

מען טאָר ניט אַ רגע פאַרלירן:
אַ בלוטיקע רגע איז גאָלד!
אויגן געשפּיזט צו די טירן,
טירן אויף שלעסער פאַרשטאָלט...

אָט באַלד דער טאָג ווערט צערונען,
אָט באַלד דער טאָג ער פאַרגייט;
די גופים אין שווייגן זיי שטומען,
געבויגן זיצט יעדער און נייט.

און מיט אַ גליענדן ביגל,
וויגט זיך אַן אַרבעטער מיד;
די טיר הינטער אייזערנעם ריגל,
די טיר ווי אַ תפיסה געשמידט...

די שעה האָט געשלאָגן זיבן,
אהיים דאַרפֿן מיידלעך שוין גיין;
מען האָט זיי צוזאַמען געטריבן,
געטוליעטע לאַמען אין רייען...

די טיר אויף שלאָס איז פאַררינגלט,
יעדעם לייב — פאַרשעמטער געוויין.
אויגן אין אויגן געשפּיגלט,
פאַרגליווערטער מענטשלעכער פּיין...

דער היטער מיט פּנים אַ פעטן,
מיט הענט ווי זשאַבעס פייכט,
נעמט די מיידלעך באַגלעטן;
זיין פּנים שמאַלציק צעקייכט...

ער שטופּט די הענט אין די בריסטן,
באַזוכט זיי אַרום און באַקנייפּט;
ווי קעץ וואָס ראַיען אין מיסטן,
אַזוי ראַיען הענט זיך אין לייב...

עס זאָל ניט פעלן פון קוישן,
קיין נאָט, קיין שפּיץ פון אַ העמד;
מיידלעך דערשראָקענע לוישן,
מיט ציינער אין שוויגן פאַרקלעמט...

ווי אין אַ הייסן טרוקענעם מדבר,
דאַרשטיקן העלדזער נאָך לופט...
אַזוי שטייען די מיידלעך אין גליווער,
מיד ווי פאַרגליווערטע שאָף...

נאָר איינע ווי אַ סאַרנע געצויגן,
די אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט:
ווי אַ בין האָסט מיין בליאונג געזויגן,
אָ, נעם ניט די לעצטע מינוט!

איך האָב יאָרן אין שאָפּ אָפּגעגעבן,
נאָר איצט פון יאָך שוין באַפרייט.
איך הויב אָן מיין אייגענעם לעבן,
דאָס לעצטע העמד היינט גענייט...

איר וואָרט ווי מיט אייזערנע ריטער,
זי שטייט ווי אַ לייב דערוואַכט,
און מיט שמאַלציקע הענט דער היטער,
אין לייבער זיך ראָיעט און לאַכט...

— — — — — — — — — — — — — —

און פּלוצלונג — אַ קול אַ פאַרשטיקטער;
יאָמערלעך טראָגט זיך דאָס קול.
ווי אַ דונער אין קנאַל אַ צעפליקטער,
וואָס שאַלט איבער באַרג, איבער טאָל...

דער רוף אַלץ העכער און העכער,
ווי געוויטער אין שטורמישן וואַלד,
רייסט זיך דורך ווענט און דורך לעכער,
אין שרעק די מיילער צעפּראַלט...

אַ גלאָק אין קלאַנגען געשפּליטער,
אויגן און מיילער צעקייכט;
אַ פייער — ווי פון זאַמד אַ געוויטער,
וואָס ציט איבער כוואַליעקן טייך.

עס פלאַטערן, פאָכן און ווייען,
פּלאַמיקע טיכער פון ווענט;
מיידלעך אין ווילדע געשרייען:
עס ברענט! עס ברענט! עס ברענט!

רויטע טייוואַלים — זיי שפּרינגען,
טאַנצן אַראָפּ פון די ווענט —
מיידלשע קליידער זיי שלינגען,
אין פלאַמיקן וויכער צעברענט...

טירן פאַרהאַקטע אויף שלעסער,
מיידלעך דערשראָקן אויף טויט;
ביי ווענט געשוואָלענע פעסער,
דאָס וואַסער — אַ שפּיגל אין רויט...

טייוואַלים מיט רויטע פינדזלען,
שמירן מיט פּלאַכטעס פלאַם;
די פעסער — ווי רונדע אינדזלען,
אין מיטן אַ פלאַמיקן ים...

די דילן זיך גיבן אַ וואַקל,
און שפּייען מיט רויך און מיט פלאַם;
רויטער צעפלאַקערטער פאַקל,
אין מיטן אַ שטורמיקן ים...

און איבער די פלאַמיקע דילן,
דערשראָקענע ראַצן און מייז,
לויפן און קוויטשען און גרילן,
אין פלאַמיקן טאַנץ אין אַ קרייז...

עס קנאַקן די ווענט ווי שפּענער;
מיידלעך מיט פאַרבראָכענע הענט,
שפּרינגען ווי דערשראָקענע הענער,
מיט רויטע קאַמען צעברענט...

עס ברענט שוין דער נייגטער גאָרן;
שויבן מיט בראָנדז פון דער הויך.
ווי אַ ים וואָס שלאָגט אין זיין צאָרן —
שלאָגט פון די פענצטער דער רויך...

טירן אויף שלאָס און אויף ריגל:
עס איז אַ פאַסטקע דאָס הויז!
אוי, מאַמע, גיב אונדז פליגל,
צו פליען פון פייער אַרויס!

אוי, מאַמע אין ווייטע ווייטן,
עס רופן די קינדער צו דיר!
די פלאַמען אין פליגלען זיך שפּרייטן —
אויף שלאָס איז פאַרריגלט די טיר...

זיי רייסן און בייסן די טירן,
בייסן דעם שלאָס מיט די ציין;
לייבער — אין פייער זיי פרירן,
אויגן — פאַרפראָרן געוויין...

מיידלעך אין הויך ווי געשפּענסטער;
אונטן אַן אָפענער תהום.
עס פאַלן לייבער פון פענצטער,
ווי צווייגן אַראָפּ פון אַ בוים...

וואַסער — קאָן גרייכן די טייכן...
געשריי שלאָגט אַ ווידערקול אָפּ;
נאָר לייטער קאָן הויך ניט דערגרייכן,
עס שליידערן זיך מיידלעך אַראָפּ...

הענט — געפליגלט אין פלאַמען,
האָר — צעצונדן אין רויט.
שפּרינגען אין אָפּגרונט צוזאַמען,
טאַנצן אין אָפּגרונט צום טויט...

מיידלעך געשלאָסן אין דרייען,
שפּרינגען אַראָפּ צו דעם גרונט.
דאָס פייער לעשט די געשרייען —
זיי שטאַרבן אין פלאַמיקן בונד...

פייער פלאַקערט אין שפּליטער,
פלאַמען פון פענצטער צעוויט;
ווי געפאַלענע סנאָפּעס פון שניטער,
די גופים אויף גאַסן צעזייט...

דורך דעכער פון שכנישע ראַנדן,
פון הענט אַ געשלאָסענע בריק.
די מיידלעך, זיי קאָנען ניט לאַנדן
און לויפן אין פייער צוריק...

איינע פליט פון די הויכן —
אַ ברענענדער שירעם אין ווינט...
אינעם קעסל פון פייער און רויכן,
אַ פייעריקער שטערן פאַרשווינדט!...

איינע האָט זיך פאַרהאַלטן,
אויף טעלעגראַף דראָט מיט איר צאָפּ.
עס ברענען אירע געוואַלדן,
זי פאַלט אַ האַלעוועשקע אַראָפּ...

איינע מיט ווילדן געלעכטער
טאַנצט אין די פלאַמען אַ טאַנץ.
אַנטלויפט ווי אַ הון פון דעם שעכטער,
פון חלפים אין אויגן דער גלאַנץ...

— — — — — — — — — — — — —

און אונטן — הענט פֿאַרבראָכן,
אין מענטשלעכן ווילדן געשריי;
הענט, אין הימל פֿאַרשטאָכן,
הענט — פֿאַרבראָכן אין וויי...

עס ליגט אַ מאַמע געבויגן,
איבער אַ בראַנדיקן גוף;
זי וויינט מיט פֿאַרשלאָסענע אויגן,
זי שרייט מיט פֿאַרשטיקטן רוף...

און עס זשאַרען די גופים פֿאַרלענדטע,
ווי אַ מזבח עס רויכערט געביין.
הונדערט זיבעציק לעבנס פֿאַרברענטע,
אין אַש וועט די זון היינט פֿאַרגיין...

עס האָבן צעטראָגן די ווינטן
איבער וועלט דעם גסיסה געקלאָג:
זיי וועקן, רופֿן און צינדן,
און לעשן די זון אויס פֿון טאָג...

פֿון פֿאַרלאָשענע לעבנס געבליבן,
אַש, און ביינער אַ בונד.
דער טאָג האָט אין פֿלאַמען פֿאַרשריבן,
אין דער זון אַ בלוטיקע וואונד...

און לעבן דעם מויער פֿאַרקוילטן,
אַ בוים שטייט מיט ליכטיקן צווייט...
וואָס בליט דאָ אַ בוים צווישן טויטע?
וואָס צוויט דאָ אַ בוים אין דער מיט?

די נאַכט האָט געניידערט, געניידערט,
מיט אַ צודעק פֿון הימל געשוואַרצט;
לייבער אויף גאַסן פֿאַרברידערט,
סקעלעטן אויף קוילן פֿאַרשטאַרצט...

סקעלעטן — זיי ליגן פֿאַרגליווערט,
אויף נאַכטיקן קאַלטן אַספֿאַלט;
מענטשלעכע גלידער צעגלידערט,
אַ ביינערנער בראַנדיקער וואַלד...

— — — — — — — — — — — — —

אויף גאסן, אין ווילדן געפלעכט,
אין יאָר ניינצן הונדערט און עלף;
אויגן מיט שטיקער נעכט,
שרייען און יאָמערן: „העלף!"

עס ציען זיך הילצערנע טרונעס,
מיט רויטע פּאָנעץ פאַרשפּרייט;
צוועלף נאָך צוועלף אין שורות,
אין אַ לאַנגער געשלאָסענער קייט...

און אַרבעטער פון אַלע שעפער,
מיט ציטער און טרויער אין גאַנג;
עס גייען די שניידער און שטעפּער,
אויך אפשר דעם לעצטן גאַנג...

און יעדער מענטשלעכער אבר,
אָטעמט מיט טויט און פאַרגיין;
עס טראָגט אין זיך יעדער אַ קבר,
אַ קבר — אין יעדן געביין...

עס ווארט יעדער שאַפּ ווי אַ חיה,
צו פאַרצוקן די לעבנס אויף קויל;
מען גייט צו אַן אייגענער לויה...
אַ קללה צעקרימט יעדנס מויל...

מיט געבויגענע רויט־שווארצע פּאָנען,
מיט ליפּן פאַרקלעמטע אין וויי;
אַן אָנקלאָג איז יעדער פּנים,
אַ פאַרגליווערט שטיק געשריי...

וואָס מאָנט דאָס בלוט אויף די פּאָנען?
וואָס וויינט דער הימל אין רויט?
יעדער פאַרגליווערטער פּנים,
מאָנט חשבון פאַר זייער טויט...

וואָס קראַמפּן די הענט זיך אין פויסטן?
וואָס ציטערט אַ צאָן אויף אַ צאָן?
אַרבעטער אין אַ ים אַ צעברויזטן,
שווערן ביים בלוט פון דער פאָן...

א צאָרן פאַרטויבט די יללה,
עס רייסט זיך מעכטיק אַ וואָרט.
אַ צעוויגטע ברענענדע קללה
פאַרדאַמט דעם שרעקלעכן מאָרד!

— — — — — — — — — — —

אַ גרויסער שוועסטער קבר,
אין פינצטערן ערדישן בויך.
עס מישט זיך אבר מיט אבר,
פאַרקוילט מיט אַש און רויך...

עס איז אַ חתונה פון טויטע,
חתן־כלה אין אַ טרונע באַנאַנד;
מחותנים מיט פּאָנעץ מיט רויטע,
עס טאַנצן די רידלען אין זאַמד...

אַ פּוס מיט אַ האַנט זיך דערקענט,
אַ קאָפּ מיט אַ פרעמדן אבר;
דאָ האָבן זיך אַלע דערנענט,
אינעם שוואַרצן שוועסטער־קבר...

מיט זאַמד און מיט ערד די רידלען,
דעקן די טרונעס איין;
וואו זיינען די צימבלען און פידלען?
וואָס שפּילט אַזאַ יאָמער־געוויין?

אַרום שטייען ווייסע מצבות,
עס פרילינגט מיט גרינגראָז דאָס פעלד.
ווייסע פאַרשטיינערטע עדות —
וואָס דאַרף איצט אַ פרילינג די וועלט?

עס גיסן זיך קולות צוזאַמען,
ווי פאַרוואונדעטע אין אַן אָפענער שלאַכט;
עס בלוטיקט דער הימל אין פלאַמען,
און טראָגט אין פלאַמען די נאַכט...

ביים פרישן קבר זיי שווערן,
און וועקן קרבנות פון שלאָף.
שוין אויסגעוויינט זיינען טרערן —
פאַר וועמען, פאַר וואָס אזא שטראָף?

— — — — — — — — — — — — —

די לעבנס מיט פייער פאַרגאַנגען
ביים הייליקן אַש אויפן פעלד;
זיי שווערן מיט טרויער געזאַנגען
צו וועקן דאָס הארץ פון דער וועלט...

IV

משה

גוט־מאָרגן דיר, משה, ווי גייט עס דיר היינט,
אין גאָרטן פון זון און פון גרין ?
דער הימל א בלויער, די זון זי שיינט,
ווי א ריזיקער גאָלדענער שפּין.

דיינע הענט מוסקולירטע, דיין גוף א גיגאַנט,
דיין שפּראַך — א געזונט אויף דיין צונג !
דו רייסט זיך פון יאָך, וואָס האַלט דיך געשפּאַנט —
ביסט אַן ערלעכער אַרבעטער יונג.

דו ביסט ניט געלערנט, זאָגסט עס גאַנץ פּראָסט,
דיין שונא — דו ווייסט ווער ער איז.
ער שענקט דיר א שמייכל דורך אויגן מיט פראָסט,
זיין בליק אין דיין האַרץ איז א שפּיז...

— דו קוקסט מיך אָן, וואָס איך ווער אַזוי בייז,
מיינע הענט פון אַרבעט פאַרשטאָלט.
איך באָד מיינע טעג אין אייגענעם שווייס,
און א קרענק אין די זייטן באַצאָלט !

און דו וואָס דו זינגסט פון גאָלד און פון גרין,
האָסטו געזען אין שאָפּ ווי עס בלינדט ?
פאַר דיר, צום שוואַרץ יאָר, די זון איז א שפּין,
און איך ליג אין שפּינוועבס פאַרשפּינט...

משה גלייכט אויס זיין גיגאַנטישן גוף,
די אויגן שרפן מיט פייער :
ער רעדט, און אין וואָרט זיינעם הערט זיך דער רוף,
פון אַרבעטער־קלאַס דעם באַפרייער...

איך שטיי ווי פאַרגליווערט, איך קוק, און איך גאַף ;
טרינק די זאַפטיקע ווערטער פון צונג.
אַזוי פּשוט דערוואַכט משה דער שקלאַף —
משה, דער אַרבעטער יונג...

איך בין אַ סינדערעלאַ

איך בין אַ סינדערעלאַ און ווער בייטאָג פֿאַרשקלאַפּט,
ליג אין יאָך געבונדן, פֿון גורל אָפּגעלאַכט.

וואַש די טעפּ און דילן, העגג אין ווינט די וועש,
און ווער אַ סך באַליידיקט ווי פֿון בייזע פּרעש.

בייטאָג איך טראָג מיין גורל ווי אַ שטומער קנעכט,
נאָר ליב איז מיר מיין חלום דורך די שטילע נעכט.

קומט די נאַכט צופֿליען — ווער מיר צוים וואָס בינדט!
איך בין אַ שטורעם־פֿויגל, וואָס פֿליט איצט מיטן ווינט.

איך שוועב דורך הויכע מויערן אין מיין רייכסטער שטאָט,
דורך די וואונדער־טורעמס ווי אין כישוף־ראָד.

מיין קלייד — געוועבט פֿון שטערן, פֿון זונען־שטראַל מיין באַנד;
איך חלום ליכט און פֿרידן אין אַ יעדן לאַנד.

איך טראָג סאַנדאַלן ווייסע מיט דימענטן באַגילדט,
ווי אין אַ כישוף־מעשה אין וואונדער איינגעהילט.

ווייל איך פֿערד אין דמיון — זיינען גלייך פֿאַראַן,
פֿערד ווי בליצן פֿלינקע אין אַ גאָלד־געשפּאַן...

ווער מיר מידע גלידער, וואָס מיר רו און שלאָף!
איך בין אַ סינדערעלאַ מיט פֿלאַמען אין מיין גוף.

גרינג בין איך אַ דעמאָלט, איך שוועב אין טאַנץ אַוועק,
צו יעדער טיר פֿון וועלט, צו יעדן וויטסטן ברעג...

איך מעסט אוים אַלע וועגן, טייכן, באַרג און טאָל;
איך בין פֿון ווייט דער ניגון, און פֿון באַרג דאָס קול...

ווען עס קרייט דער מאָרגן — און די נאַכט פֿאַרגייט,
עס לעשן זיך די שטערן אויף מיין כישוף־קלייד.

איך בין אַ סינדערעלאַ, כאָטש מיין גוף איז מיד,
ווען איך ליכט און פֿריידן דורך מיין טרויער־ליד.

פאַרן שפּיגל

איך האָב היינט געקויפט אַ קלייד,
אַ קלייד פון שוואַרצן זייד...
עס האָט דער שפּיגל אָפּגעשיינט,
שוואַרצן גלאַנץ אויף ווייסן לייב,
און יעדער כוואַליענדיקער פאַלד,
האָט הערלעכער אויסגעפורעמט מיין געשטאַלט.
פונעם שפּיגל האָט זיך אויסגעשיילט,
אַן אַנדערע — פאַרשליירטערהייט.

זי, וואָס האָט געוועבט דאָס זייד,
האָט ניט קיין זיידן קלייד.
און נאָך איר,
אַן אַנדערע,
אַן אַנדערע,
אַן אַנדערע,
זי, וואָס האָט געשטעפּט דאָס זייד,
זי, וואָס האָט עס אויפגענייט,
פונעם שפּיגל מחנותוויז —
מיידלעך, מיידלעך אין אַ קרייז,
מיט נאָדלען אין די הענט,
מיט שערן שטום צו מיר געווענדט,
און מען שלעפּט פון מיר דאָס קלייד...

און מען וויקלט זיך אין זייד,
און זיי טאַנצן אין מיין הויז,
און זיי לאַכן, לאַכן אויס;
שטוב אין קוועקזילבער צעלאָזט,
קאַלטער שפּיגל גלאַנצט מיט פראָסט,
מיידלעך אין אַ נאָדל־טאַנץ
שווינדן הינטער שפּיגל־גלאַנץ...

— — — — — — — — — — — — —

פאַרן שפּיגל איך בלייב אַליין,
עס ווײנט דאָס זייד אויף מיין געביין.
און איך שטיי פאַרשעמטערהייט —
עס ווײנט אויף מיינע לענד דאָס קלייד...

דורך ראַדיאָ

טונקעלע מיידל פון שבט אַמיראַנט,
זינג צו מיר, זינג, פון דיין זוניקן לאַנד!

דיין לייב איז הייס, די האָר צעלאָזט,
דאָ איז ווינטער, שניי און פראָסט.

דורך די ראַדיאָ־קלאַנגען אַזאַ ווילדער געזאַנג,
דו טאַנצסט צום טאַקט פון דער קלאַפּער־שלאַנג...

דו וויגסט זיך איצט צום פּויק פון דיין שטאַם,
און טאַנצסט דאָס ליד פון לעמפּערט און לאַם...

מיט הייסן אָטעם פון גאָלפשטראָם דיין ליד,
דורך די ראַדיאָ־כוואַליעס ציט זיך און ציט.

עס רוישט מיין שטוב פון דיין דזשאָנגל־ליד,
חיות האָבן פון אַלע ווענט זיך צעברילט...

אויף אוראַלטע פעלדזן פון דיין שבט אַרום,
טאַנצסטו דאָס ליד פון פייער און זון...

עס גיסט זיך איבער מיינע אברים זיס,
דיין שטים — ווי די מילך פון קאָקאָ־ניס...

איך שפּרינג אויף פון מיין אָרט, טאַנץ מיט דיר מיט,
שמעלץ זיך צוזאַמען מיט דיין דזשאָנגל־ליד...

ווערטער

פאַראַן ווערטער — שאַרף ווי שטאָל,
און ווערטער — דורכזיכטיק קרישטאָל...
און ווערטער — דונער־קנאַל,
און ווערטער — ביטערער פון גאַל...
און ווערטער — פאַלש ווי רויטער שמינק.
פּאַיאַצן־ווערטער — זשאָנגלירן פלינק...
און ווערטער — פּוסט ווי שטרוי,
און ווערטער — ווי וועלף אין וואַי...
און ווערטער — צום גומען זיס,
און ווערטער — ציל פון שפּיז...
נאָר וועמען איך האָב מער ווי פיינט —
דאָס פאַלשע וואָרט פון נאָענטן פריינט...
איך וואַרף עס אָפּ מיט מיין גאַנצן האַס,
ווי אַ הויפן מיסט אַרויס אין גאַס.
און זאָג: וואָרט ליגנעריש און פאַלש,
זאָל בלייבן שטעקן ווי אַ ביין אין האַלדז!...

דער הפקר-טאַנץ

פאַרלעך, פאַרלעך, גוף נאָך גוף,
טראָגן זיך ווי אין דער לופט;
אָרעמס נאַקעט, גרויע קעפּ,
אָוונט־קליידער שלעפּ נאָך שלעפּ.
און דער זאַל — אַ פייער-וויג,
מויל צו מויל, בליק צו בליק,
ווי אַ שוואַן שטרעק אויס דיין האַלדז;
ס'איז אַ טאַנץ אַזאַ, אַ וואַלס,
נעם אַרום, שטויס צוריק,
ס'איז דער זאַל פון גלאָז אַ בריק...

און די פּויק זאָל פּויקן ווילד,
און דאָס בלוט ווי ווייַן צעשפּילט,
און די פליט זאָל וויינען, ווייַן;
און די פידל אין פאַרגיין
דרינגט אַריין אין געביין,
לייב צו לייב, ציין אין ציין,
ס'איז דאָס לעבן איין געדריי;
עס פאַרגייט, פאַרגייט ווי שניי.
דריי זיך, דריי זיך אין געפלעכט —
טאַנץ דעם טאַנץ פון פלאַקער־נעכט...

העכער, העכער קלאַפּ אין דיל,
פליעסק אין הענט, ס'איז אַ שפּיל;
ס'איז די צייט אַ פייער־וואַלד,
און עס דרייט זיך יונג און אַלט.
קליידער ווי די פעכער ווילד,
האַלבן ווייסע פיס צעשפּילט.
קאָפּ צו קאָפּ, ליפּ צו ליפּ,
איצט, נאָר איצט האָב מיך ליב.
טאַנצן לאָמפּן אין געוויג,
און די בליקן פייער־שטריק...

דימענט רינגען און בריליאַנט,
פינקלען פינגער — פייער פלאַמט.
פאַרלעך, פאַרלעך אין אַ קראַנץ,
טאַנצן אויס דעם הפקר־טאַנץ.

און די מוזיק, קלאַנג נאָך קלאַנג,
ס'איז אַ טאַנץ פון אונטערגאַנג.
שטייט אַ מענטש ביי קאַלטער וואַנט,
גוף איז מיד, גוף איז אַלט;
אוינגן — בעכער מיט געוויין —
ער זעט זיך אינעם טאַנץ פאַרגיין...

איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד

וואָס זיץ איך צווישן ווענט און טרעפּ?
וואָס האָב איך מיט דער קיך און טעפּ?
אַז מיין בלוט רוישט מיט ים און ווינט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

וואָס טו איך צווישן שטאָט מיט רעדער ציין?
אַז דעם הימל בלויען קאָן איך אויך ניט זען.
איך בין מיט פעלד און וואַלד פאַרשפּינט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

וואָס טראָג איך מאָדע־קליידער אויף די לענד?
אַז שיין וואָלט איך געווען אויך אין אַ פּאַסטוך־העמד,
אויף אַ גרינעם פעלד, מיט שאָף און רינד —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

אין מיין שלאַנקער האַנט אַ פעסטן שטריק אַהער,
וועט שטיין אַ זאַך אין וועג — אַ שלעפּ און אַ צעשטער;
איבער שפּיצן בערג דורך פייער און דורך ווינט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

וועט אַ פּאַסטוך פייפן מיט אַ פייפל צו די שאָף,
וועל איך צופוסנס זיך אויסבעטן צום שלאָף,
ביים מאָרגן־רויט ווען די זון זיך צינדט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

גיב אַ ווייטן ים, און ביים ברעג אַ צעלט,
פאַרשטעל מיר ניט די זון, לאָז מיך זען די וועלט!
ווען דער טאָג גייט אויף, ווען די נאַכט צערינט —
איך בין אַ קאַרפּאַטן־קינד.

— — — און איך זינג

איך קום ניט ארויס פון קיין זינגער,
ניט געלערנט דעם ריטם פון ליד,
ס'האט געזונגען מיין בלוט ביז שפּיץ־פינגער,
מיט געזאנג אין מיין יעדן גליד.

איך האב געלערנט געזאנג ביי די ווינטן,
ביי די שטערן דאס ליכט פון דער וועלט,
ביים ראד פון א טאנצנדיק שפּינדל,
האט ליד אין מיין אויג זיך צעהעלט...

איך האב געזויגן די בלויקייט פון הימל,
ווי מילך פון א ברוסטיקער זון,
מיט ליפּן ווי א דורשטיק בלימל,
וואס טרינקט מיט די שטראלן זיך אן...

זיך פארקלונגען אין טאנץ פון א רעגן,
ווי א הירשין פארצוויגט זיך אין וואלד;
מיט דער בענקשאפט פון פעלדער און וועגן,
מיט דער ווייט פארקניפּט מיין געשטאלט...

ביי בעטלער מיט פידלען אויף יארידן,
ביי טרעגער מיט שטריק אויף די לענד,
א ווארט מיט א ווארט צו פארשמידן,
אין ליד אפט געווארן פארברענט...

פון שניטער און קאוואל־יונגען,
אין קוזניעס ביים זון־פארגיין,
פון סערפּן אויף פעלדער צעקלונגען —
לידער פון מיין פלייש און געביין...

פון מענטשן וואס וואוינען אין נידער,
געהערט אין דער טיף דאס געקלאג,
אין קייטן פארשקלאפּטע די גלידער,
וואס בענקען צום ליכטיקן טאג...

מיין ליד, ווי דער בליץ אין געוויטער,
ניט געוואוסט פון כאריי און פון יאמב,
ווי די הארף אין דינסטן געציטער,
בין געווען דאס דינסטע געזאנג...

אפט פארברעך איך פארצווייפלט די פינגער,
בין אזוי קליין אין דיכטערשן רינג,
איך קום ניט ארויס פון קיין זינגער —
נאר איך זינג! און איך זינג! און איך זינג!

V

דער צלם

א.

יהודית בלייבער פנים טיף מיט זאָרגן,
מיט שווערער מידקייט איר דינער גוף.
דער זייגער וועקט זי אין פרימאָרגן
און רייסט דעם חלום איבער אינעם שלאָף...

זי ווארפט אראָפ די קאָלדרע פון געלעגער,
שפּיזט איר בליק צום טאַטנס בילד וואָס הענגט;
איר אַלטער טאַטע — דער גאונות־טרעגער
קוקט צו איר מיט אויגן אידישע פאַרבענקט...

יהודית וואַשט אַראָפּ די נאַכט פון אירע גלידער,
דעקט די קנייטשן צו מיט רויטער פאַרב;
דורך איר לייב גייט דורך אַ קאַלטער ציטער:
זיך יאָגן ווידער ווי אַ יעגער נאָך אַ „דזשאַב".

די סאָבוויי שלינגט זי איין ווי אַ פיש אין אינגעווייד,
מענטשן איינגעפּרעסט אין שווארצן סאָבוויי־בויך;
די סאָבוויי שווימט דורך פינצטערניש פון מיילן,
און שפּייט די מענטשן אויס ווי שווארצן רויך...

יהודית טראָגט זיך דורך די סקווערן
און זוכט מיט אויגן אַ שילדל אויף אַ וואַנט;
און פּלוצלונג, אירע אויגן לייכטן אויף ווי שטערן —
זי האָט זיך אָנגעשלאָגן אין אַ פּנים — אַ באַקאַנטס...

— ענדזשעלאַ! — צוויי שטימען קניפּן זיך צוזאמען,
אין פריינטשאַפט הענט נעמען זיך ארום;
און ביידע חברטעס, געאָרעמטע זיי שפּאַנען,
ווי אַמאָל אין רויש פון גאַסיקן געזשום...

ענדזשעלאַ פון איטאַליע איז געקומען
און יהודית פון דער ליטע, פון דער ווייט;
איצט שפּאַנען זיי אויף סקווער ארומגענומען,
ווי אין יענער וואונדערלעכער גרינער צייט...

זיי דערמאָנען זיך אָן יענע גרינע יאָרן,
דערציילן זיך פון יענע זומערדיקע טעג;
אין די זונטיקס צום בלויען ים געפאָרן,
און געבאָדן זיך ביים קוני־איילענד ברעג...

און יעדע שיף וואָס איז פאַרביי געשוואומען
האָט מיטגעבראַכט דעם חלום פון דער היים —
פון איטאַליע דאָס גאָלד פון הייסע זונען
און פון דער ליטע דעם דורותדיקן פיין...

און וויפיל יאָר אין רויש פון שאָפ געזעסן,
זייט ביי זייט ביים מאַשינען־ראָד;
עס האָט שאָפ זייער בליאונג אויפגעגעסן,
ווי עס עסט די וואָרצלען אויף אַ קראָט...

אוןביידע פון צוויי פעלקער שטאַמען,
און פרעמד איז זיי דעם צווייטנס מוטער־שפּראַך —
האָבן ביידע זיך אין שאָפ פאַרשטאַנען,
ווי געבאָרן אונטער איין דאַך...

ענדזשעלאַ זעט איר דאָרן פּנים,
אויף יהודית ליגט דער הונגער אויסגעקריצט;
דורך איר יעדן נערוו זי האָט איר נויט באַנומען,
עס האָט אַ פלאַן אין מוח איר אויפגעבליצט...

ענדזשעלאַ ענטפערט איר ווי דורך ווייען:
איך אַרבעט ביי אַ באָס אַ רייכן איד;
גראָד דאַרף ער איצט אַ האַנט צום נייען,
נאָר אַ אידישקע ער באַשעפטיקט ניט...

און פּלוצלונג גיט אַ בליץ אויף איר דער צלם,
דער קרייץ גיט קענגן זון זיך אַ צעפלאַם;
יהודית, איך וועל דיר אויסלייען מיין צלם,
וועט ער מיינען, דו שטאַמסט פון מיין שטאַם...

צוויי וואָכן וועסטו טראָגן אָט דעם צלם,
דאַן וועסטו אין אונדזער שאָפ אַ גליד;
דאַן לאַכסטו פון דעם באָס דעם גולם,
וואָס באַשעפטיקט ניט אין שאָפ קיין איד...

די נויט האָט אויפגעגעסן אירע חושים,
זי זעט הונגער און וויל פאַרדינען ברויט;
זי מעסט די גאַסן וואָכן און חדשים
און האָט איר ווילן ענדזשעלאַן פאַרטרויט...

ב.

יהודית קומט אַהיים אין קליינעם צימער,
גיט אַ פאַל אויפן בעט — אַ פאַרוועלקטע בלום.
אין מידן חלום גיט דאָס בילד פון וואַנט אַ שימער,
איר אַלטער טאַטע קוקט אויפן צלם שטום...

ווי — אַ צלם אויף מיין טאַכטערס האַלדז דעם ווייסן,
אַ צלם — וואָס האָט געקרייציקט, שרייט די שטיל;
זי הערט אַ פּרויען־שטים יאָמערן דורך די צייטן,
חנה שטייט אויף מיט אירע זיבן זין...

זי זעט קאַרצערס, תּליות און פּאָגראָמען,
זי ווערט פון קולות אין דער נאַכט פאַרפּלייצט;
זיי שטייען אויף דורך גריבער און דורך תּהומען,
נאָר שטאַרקער פון טויט איז זייער גייסט.

אין אַנגסטן זי וואַרפט זיך אינעם חלום איבער,
יהודית שוועבט צווישן חלום, צווישן וואָר —
אין קאַלטן שווייס איר שטערן פיבערט,
איר טאַטע רייסט פון זיך די גרויע האָר...

ניין, טאַטע, איך האָב דיך ניט פאַרראַטן;
ווי אַ גילדן פישל שווימט דער צלם אין דער נאַכט.
זי פאַרענטפערט זיך פאַרן טויטן טאַטן,
ער שטייט איצט לעבן איר און וואַכט...

ג.

עס רוקן טעג זיך, עס פלאַמט איר פּנים,
אינעם שאַפּ די אַרבעט ברענט;
אויף אַלע העלדזער פינקלען צלמים,
זי האָט געקרייציקט אירע הענט...

אויף אַלע העלדזער צלמים, צלמים
גאָלדענע אין מיניענדיקן גלאַנץ;
צווישן שוואַרץ און פלאַקס אַ אידיש פּנים,
דער צלם וויגט זיך אויף איר האַלדז...

ענדזשעלאַ טראָגט דעם סוד פון פרידן,
זיי נייען ביידע ווי אַמאָל זייט ביי זייט —
(איר „באָס” באַשעפטיקט ניט קיין אידן)
אויף יהודית האַלדז דער צלם וויינט...

די מאַשינען זשומען, זשומען,
עס וואַרטן בינטלעך אין די בערג;
הענט ציען זיך, ליפּן, שטומען,
שוואַרץ זייד שווימט ווי לאַווע צו די קערב...

ד.

ווען די דריטע וואָך איז אָנגעקומען,
די „יוניען” האָט פאַרזיכערט איר דעם דזשאַב,

איז יהודית צום באַלעבאָס צוגעקומען,
אַ ריס געטאָן דעם צלם פון איר האַלדז...

אַ וואָרף געטאָן דעם צלם אין זיין פּנים,
מיט עקל געלאַכט אין זיין פּרצוף:
ווי צו אַ פאַלק, וואָס האָט אַזעלכע בנים,
און איך דאַרף טראָגן די חרפּה און די שטראָף!

איר וואָס דינט דעם גאָט פון די דאָלאַרן
און האָט חרמדיק די טיר פאַר אונדז פאַרהאַקט,
מיין פאַלק אויסגעפּראַוווט דורך ליידן און געפאַרן,
האָסט טויזנטפאַכיק אַ צבועק!

מאַטראָסן

אויף דעמבענע מאַסטן, אין שטורעם צעבלאָזן,
איך זע אייך דאָרט הענגען, איר בלויע מאַטראָסן.

מיט ווינט אין די גריוועס, מיט ים אין די אויגן,
מיט שוואונג ווי די אָדלערס, אויף לייטערס צעפלויגן...

דער ים אין זיין וויגן האָרביק צעשפּרונגען,
די כוואַליעס ווי גלעקער אין שטורעם צעקלונגען...

פאָרויס לויפט דער ווינט, עס פלאַטערן פאָנען,
עס קנייטשט זיך דער רויך מיט געראָנצלטן פּנים...

איר בלויע מאַטראָסן, מיט הונגער אין גלידער,
עס ווייעט דער ים מיט שטורמיקע לידער...

איר טראָגט אין די הערצער דעם שטורעם באַהאַלטן,
פראָסט אין די ביינער, פון ים פון דעם קאַלטן...

לענדער מיט לענדער — איר בינדט צוזאַמען,
איר האָט ניט קיין לאַנד, נאָר ימען און ימען...

פון לענדער צו לענדער די ליכטיקע טרעגער,
און האָט ניט פאַר זיך קיין אייגן געלעגער...

עס שמייסט אייך דער ווינט מיט זאַלציקע ריטער,
איר שלאָגט זיך מיט ים, איר קעמפט מיט געוויטער...

עס קלינגען די כוואַליעס, ווי זילבערנע גלעקער,
איר זייט היינט אויף ימען די ליכטיקע וועקער!

דזשאַאים רעבעלאַ

I

אין אַ קעמערל פיר איילן די ברייט,
ליגן צוויי פישער געבונדן.
ליפּן — פאַרשלאָסן אָן רייד,
לייבער — פאַרשמיסן אין וואונדן...

וועכטער מיט פּנים צערייצט,
מיט הענט ווי אויף תּליה צעשוואונגען.
די גופים ער בייטשט און בייטשט,
די פעל פון די פישער צעשונדן...

די ווענט פאַרפּעסטעט מיט קויט,
די גראַטעם פאַרוואַקסן מיט זשאַווער ;
דער וועכטער שמייסט זיי ביז טויט,
זיי זאָלן אויסגעבן אַ חבר...

דעם וועכטערס האַנט ווערט מיד,
ער לאָזט זיי ליגן דאָביידן.
די פּיס אין קייטן געשמידט —
איצט וועלן די צינגער שוין ריידן !...

II

די פישערלייט ליגן איצט שטום,
איין גלויבן בינדט זיי צוזאַמען.
זיי נעמען זיך ביידע אַרום,
צוויי יונגע פאַרברידערטע שטאַמען...

דער ערשטער פישער־יונג רעדט :
— בין גרייט מיט מיין אייגענעם לעבן !
זאָל זיין דער ים מיין בעט,
איידער אַ חבר אויסגעבן...

עס רופט אויס רעבעלאַ, דער יונג :
— איידער דערמאָנען אַ נאָמען,
פאַרשניידן די אייגענע צונג,
אויף אייביק און אייביק פאַרשטומען...

ניטאָ אַזאַ שטראָף, אַזאַ פּיין,
מיין ווילן שטאַרקער פון שלעסער —
און מיט קריץ פון שאַרפע ציין,
גיט אַ שנייד זיך אין צונג דאָס מעסער...

עס קאָרטשעט זיך רעבעלאַ, דער יונג,
מיט מויל צעקיילטן אין ווייען.
די שטומע פאַרשניטענע צונג —
שרייט העכער פון טויזנט געשרייען...

— — — — — — — — — — — — —

דו האָסט פאַרשניטן דיין צונג,
נאָר ס'וועט דיין קול ניט פאַרשטומען.
אין בלוט פון דער פאָן — דו פישער־יונג,
פאַרקריצט איז אויף אייביק דיין נאָמען...

III

די זון קושט די כוואַליעס פון ים,
עס קאָן זיך דער ים ניט פאַרשטילן.
יעדע כוואַליע — אַ צעקודלעטער לאַם,
זיך ראַנגלט אין וואונדיקן ברילן...

ווער טרייבט אָט די כוואַליעס אין פּאָר?
ווער יאָגט אָט די האָרדעס צוזאַמען?
ווער קרויזט אָט די כוואַליעקע האָר —
כוואַליעס צעקודלעטע לאַמען?

צוויי פישער־לייט שווימען דאָ אום,
ביי איינעם אַ פיש איז פאַרהאַלטן,
ביים צווייטן די צונג איז שטום,
פאַרשניטן מיט מעסער מיט קאַלטן...

דער שטומער בויגט זיך און הערט,
ווי עס ראַנגלט דער ים זיך אין טיפן.
ער טראָגט אינעם גומען די שווערד —
זיין וואָרט אין די אויגן געשליפן...

עס קודלען זיך כוואַליעס ווי שאָף,
אַזאַ שווייגן האָטביידן באַנומען;
דער שטומער טראָגט אָנהויב און סוף,
אין פאַרשניטענעם שווייגן דעם שטומען...

עס ווייִנט די רויטע פּאָן

עס ווייִנט די רויטע פּאָן איבער דיר געבויגן ;
דו ליגסט, אָ, חבר, מיט צוגעמאַכטע אויגן.

איך וואַך ביי דיין אָרון הינטער פּאָנען ;
געל ווי וואַקס דיין יונג פאַרלאָשן פּנים...

ווי אַ בוים וואָס וואָרפט זיך אין געוויטער,
מיט פּאָן אין האַנט, מיין גוף אין ציטער.

איך האַלט די טרערן איין, זיי פאַלן, פאַלן ;
רייסן זיך דורך אויגן ווי דורך קוואַלן.

פאַרביי דיין אָרון מענטשן גייען, גייען,
מיט פויסטן — פאַרקלעמטע אויסגעשרייען...

דו ביסט דער — פריילעך אונדז צו מאַכן ;
פאַרוואָס אַזאַ געוויין ? מיר קאָנען היינט ניט לאַכן...

ווי רויטע וואונדן ברענען רויטע בלומען ;
אַלע הערצער יאָמערן, אַלע ליפּן שטומען.

דו האָסט דיין ליד געשטעפּט אין דימענטן פון רעגן,
דו האָסט צעזייט דיין פרייד ווי זון אויף וועגן.

דו האָסט אויסגעשפּילט דעם קאַמף אויף פייער־פידלען ;
אויף אַ פעלד אַ קבר וואַרט מיט אָנגעגרייטע רידלען...

איך האָב געזען די זון פאַרנאַכטיק שטאַרבן
אין אייגן בלוט אַזוי ווי דו, אין אירע פאַרבן...

אויף מאָרגן די זון איז אויפגעגאַנגען ווידער ;
אַזוי וועסטו אויפגיין אין פרייד פון דיינע לידער...

אַ מאַמע

דו רעדסט, און רופסט צום קאַמף,
איך הער אין דיר אַ וויינען.
דיין האַנט פּויסטיקט זיך אין קראַמף,
אין פיבער דיינע אויגן שיינען...

דיין קליינער זון שלאָפט אין דער ערד,
ווי ליכטלעך פאַרלאָשן זיינע אויגן.
קיינער האָט דיין יאָמער ניט געהערט,
אין אַ קאַלטער שטוב איבער אים געבויגן...

אין אַ ווינקל האָט אַ שפּין געשפּינט,
געוועבט פון שטויב אַ טויטן ניגון.
מיט דיין ליבשאַפט האָסטו דיין קינד,
אויף די הענט געוויגט ... געוויגן.

זיין קליינער גוף געווען איז קאַלט,
די אייגלעך מיט פראָסט און אָפן...
אַ וויינענדיקע ווערבע דיין געשטאַלט,
און ער — מיט אויגן אָפענע געשלאָפן.

ווען דו קומסט צו זיך אַהיים,
פון ווענט אַ טויטער שטומען...
דו וויגסט זיך איבער זיין בעט אַליין,
ווי אַ קרוג איבער אַ ליידיקן ברונעם...

דו האָסט זיין נאָמען ניט דערמאָנט,
נאָר קאַמף — און הייסט ניט וויינען.
דיינע אויגן — טייכן איינגעשפּאַנט —
רייסן זיך צום וויינען...

דו האָסט דיין טיפן צער פאַרשמידט
אינעם קאַמף פאַר אונדזער לעבן.
דו רעדסט, און פון דיין יעדן גליד
ווינט זיין יונג פאַרלאָשן לעבן...

פרוי קאַפּיטאַן

אויפֿן מאַסט אויסגעצויגן
שטייסטו, קאַפּיטאַן.
צוויי בלויע מאָרגנס — דײַנע אויגן —
אַ פרוי, דו קאַפּיטאַן.

זײַנען דײַנע צעפּ געשאָרן —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן!
דו ביסט ווי איך אַ פרוי געבאָרן —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן.

דו פירסט אַ שיף אויף שטורעם ימען —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן!
עס וויגט דער ים זיך ווי אין פלאַמען —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן.

עס מאָלט דער ים ווי וואַסער־מילן —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן!
כוואַליעס ווי די אָקסן ברילן —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן.

דײַן קלייד אַנטקעגן ווינט אין שטורעם —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן!
לויכט דײַן פּנים ווי אַ טורעם —
אַ קאַפּיטאַן, אַ קאַפּיטאַן!

קעגן שטורעם רויטע פאָנען,
קריגן זיך מיט ים.
און די כוואַליעס — בייזע כּלבים,
אַ ווילדער קאַראַוואַן...

איך האָב געחלומט פון די ימען,
זײַן ווי דו אַ קאַפּיטאַן.
אין מײַן לאַנד די פרוי אין צאַמען,
שלעפּט דעם יאָך אין שקלאַפן שפּאַן...

איך האָב געזונגען צו די ווייטן,
איז די ווייט פאַר מיר אַ צאַם;
אויף מײַנע פינגער טראָג איך קייטן,
אין טרערן שפּיגל איך דעם ים...

אין סאָוועטן־לאַנד אויף ימען
גרים איך דיך, אַ קאַפּיטאַן!
עס וועט די צײַט נאָך אונדז צוזאַמען
באַגעגענען אויף איין ים...

צוועלף באָרוועסעברידער

צוועלף באָרוועסע ברידער זיינען אַוועק,
מיט באָרוועסע טריט נאָך ליכטיקע טעג...

דער ערשטער ברודער, געווען נאָך אַ קינד,
געשיקט זיין געוויין דורכן ווינט...

דער צווייטער — אַ פּייפל אין האַנט:
שפּילן זיין בענקשאַפט צום ווייטן לאַנד.

דער דריטער — געטראָגן אַ פידעלע שלאַנק:
כישופן צו די ווייטן דינסטן געזאַנג...

דער פערטער — געלייענט אַ וואונדער־שריפט,
וואָס האָט אים צו דער זון און די שטערן געשיפט...

דער פינפטער — געטראָגן אַ איינערנע זעג —
אונטערצוזעגן אַ בוים אויפן וועג...

צוועלף באָרוועסע ברידער איבער דער וועלט,
זיינען געגאַנגען דורך ווינט און דורך קעלט...

דורך פייער און וואַסער אין ווילדן געיעג —
צוועלף באָרוועסע ברידער, נאָך ליכטיקע טעג...

און איבער אַלע ווינקלען פון גאַרער ערד,
האָט זיך דער רוף פון די ברידער דערהערט...

דער עלטסטער ברודער — אַ דעמבענער יונג,
מיט פראָסטן וואָרט אויף זיין צונג.

ער האָט געראַמט די שטיינער פון וועג,
צו מאַכן פּלאַץ פאַר די ליכטיקע טעג...

צו מאַכן פּלאַץ פאַר די ברידער אַהיים,
פון די וועגן, די ווייטע, זאָלן קומען צו גיין...

זיין וואָרט איז דערגאַנגען דורך ווינט און דורך שטורעם,
פאַר די ליכטיקע טעג צו בויען אַ טורעם...

יעדער לייגט צו זיין אויער צו דער ערד,
זיי האָבן די נאָענטע טריט שוין דערהערט:

ווען איינער אויף שטיינערנע וועגן ווערט מיד,
וועקט אים אַ צווייטער דורך רוף פון זיין ליד...

יעדער באָרוועסער ברודער פון דער פרעמד,
האָט זיך צום ליכטיקן טורעם דערנענט...

ווער מיט אַ פייפל, ווער מיט אַ זעג,
ווער מיט אַ האַמער — האַמערט די טעג...

ווער מיט זיין וואָרט, און ווער מיט געזאַנג —
יעדער טראָגט צו זיין אָרעם געשאַנק...

יעדער ווישט אָפּ אַ פינצטערן שיכט —
אויף אַלע צוועלף ברידער זאָל שיינען דאָס ליכט...

מיין שטאָט מאַרשירט

איך קום אַרויס פון אַ שטאָט,
מיין שטאָט צעצווייגט אין טויזנט שטאַמען...
איך בין דורכגעגאַנגען טויט און פלאָם,
און גרייט צו גיין נאָך טויזנט פלאַמען...

איך בלי מיט זונען און מיט שנייען,
און מיט שטורעם און מיט ווינט ;
דורות קומען, דורות גייען,
און מיין שטאָט בליט און גרינט...

גייט אַ וואַלד מיט רויטע פאָנען,
יעדע פאָן אַ פייער פלאָם ;
איך קוק זיך איין אין יעדן פּנים —
איבער גאַסן גייט מיין שטאָט...

ווי די דעמבעס — זייער גבורה,
מיט קעפּ פאַרריסענע צום רוים ;
זעקס צו זעקס אין דער שורה,
יעדער יונג אַ שיינער בוים...

און זיי גייען, און זיי גייען,
סיי דורך פייער, סיי דורך פלאָם.
זייט געגריסט אין די רייען,
זין צעשטראַלטע פון מיין שטאָט !

אַן אַנדערער

איך ווייס ניט ווי אזוי עס איז געשען,
איך האָב אים אָט אזוי אנטקעגן מיר דערזען.

מיט ברייטע פּלייצעס, און מיט אויגן בלוי,
געקוקט האָט ער אויף מיר ווי אויף א פרוי...

ערגעץ האָב איך פריער אים געזען,
מיט א האַק אנטקעגן מיין זיידן שטיין...

האָב איך געזען אים רייטן אויף אַ פערד,
עמעצן ווי איך, שלעפּן אויף דער ערד...

ער איז געפלויגן ווי א שפּארבער מיט זיין רויב,
אירע צעפּ ווי שלאַנגען האָבן געוויקלט זיך אין שטויב...

און איצט לאַכט ער צו מיר מיט ווייסע ציין,
אויגן גיסן אָפּ מיט בלויען ווייַן...

געענטפערט מיט א בליק ווי עס ענטפערט נאָר א פרוי,
ווי קומט אַזויפיל ליבשאַפט צו א „גוי"?

ער האָט אויסגעשטרעקט צו מיר זיין האַנט,
אין גלייכע טריט אין מארש געשפּאַנט...

די גאַס מיט זון, עס שמעקט מיט מאַי,
און איבער אונדז א רויטע פאָן פלאַטערט אין דער פריי...

דאָס ליד פון ברויט

א.

איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי —
אַ גרינע וועלט אין ליכט, אין בלי.

און עפּלבוים מיט ווייסן צוויט,
מיט פייגל און געזאַנג צעבליט.

עס האָט דער ווינט מיט דופט געוויט,
סעדער אין דער לופט צעזייט.

גאַנצע קוישן זונען-ליכט,
האָט געפּלייצט אין מיין געזיכט.

איך האָב געשטרעקט זיך צו דער ווייט,
אַרומנעמען די אייביקייט.

און די בערג אָוועקגעשפּאַנט,
ווי די קעמלען זאַלבענאַנד...

אויף די זאָטלען — לאַגלען טוי,
האָבן זיך געוויגט אין בלוי.

האָב איך אויסגעשטרעקט די האַנט,
איז געוואָרן מיינס דאָס ווייטע לאַנד.

אויף פּעלדזן טרעפּ פון בערגן־קייט,
געווייסט האָט שניי פון אייביקייט.

אַנטקעגן זון — דאָס בלויע אייז —
אַ זילבער קרוין אויף אַ גרייז...

דער הימל ווי אַ בלויער גלאָק,
האָט אויסגעקלונגען אַ נייעם טאָג.

עס האָט גערעגנט מיט מאָרגנליכט,
מיט בינטן זון אין מיין געזיכט...

ב.

אָ בערג, מיינע בערג, אין בלויע פאַרטאָגן,
די זון פאָרט אַרויס אין אַ גאָלדענעם וואָגן.

די זון שפּילט אין טייך אויף גאָלדענע טאַצן,
אָ בערג, מיינע בערג, געבויכטע צום פּלאַצן.

דער וויינפויגל ווײַנט אין טויאיקע טרערן,
עס טרינקען זיך אין טייך פאַרלאָשענע שטערן.

אָ בערג, מיינע בערג, מיט אוצרות באַהאַלטן,
עס וועלן מענטשלעכע הענט די פעלדזן שפּאַלטן.

פון אייער גרינגראָז באַדעקטע ליימען,
וועט מען ציגל ברענען פאַר היימען.

פון פעלדזיקע טאָלן מיט צייטן באַלאָדן,
וועט מען קוילן און אייזן גראָבן.

אויף אייערע טייכן וועלן שיפן זיך טראָגן,
און קנויליקע רויכן פון קוימענס שלאָגן...

פון די ווילדע בלומען־סטויגן,
וועט די בין דעם האָניק זויגן...

עס וועלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן,
מיט אַ פריילעכן, ליכטיקן ניגון.

דורך אייגענער מי, אידישע פּויערן,
וועלן אַ נייעם יאָרהונדערט געבוירן.

עס וועלן די קינדער אַנטשלאָפן ווערן,
ביים קלאַנג פון סערפּן געשאַרפטע פאַר שטערן.

זאָלן פאַלן די זאַנגען געשווינדער —
אזוי וועלן מאַמעס פאַרוויגן די קינדער.

אָ בערג, מיינע בערג, אין בלויע פאַרטאָגן,
די זון פאָרט אַרויס אין אַ גאָלדענעם וואָגן.

ג.

ווער זינגט דאָס ליד פון ברויט?
די שניטער, ביים מאָרגן רויט.

ווי פאַרגליווערטע כוואַליעס די בערג,
פון דורות אייביקע ווערק.

איבער פאַרנעפּלטע בערג זאָגט אָן,
דעם פרימאָרגן — א פלאַמיקער האָן...

באַגינען רופט מיט געזאַנג צום שניט,
מיט זילבערנעם טוי די פעלדער צעבליט...

די שניטער־יונגען מיט קאָסעס אין הענט,
זון אין די קאָסעס פינקלט און בלענדט...

— — — — — — — — — — — —

אויף פעלדער צעברוינטע עס שניידן די שניטער,
די צווייגן אויף ביימער ווי האַרפן אין ציטער.

די פייגל צעזונגען אין בוימערשע בעטן,
עס קלינגען די קאָסעס ווי דינע קלאַרנעטן.

ווי פייעריקע פליגל די קאָסעס צעשוואונגען,
מיט פּלייצעס געבויגן די שניטער־יונגען.

עס זינגען די הענט דאָס ליד פון באַשאַף;
ניטאָ מער קיין האַר, ניטאָ מער קיין שקלאַף.

ווי קופּער די ליבער אין שוויים צעגלאַנצט,
די קאָסע פון שניטער אין שוואונג צעטאַנצט...

פון ברוסטיקע שטימען עס הילכן געזאַנגען,
מיט מוסקולן צעשפּילטע זיי שניידן די זאַנגען.

זאַנגען אויף זאַנגען זיי פאַלן אַנידער,
און לייגן זיך אויס ווי שורות פון לידער...

די זון קאָסעט שטראַלן אויף הימל אויף רויטן,
עס שניידן די שניטער די זאַנגען פאַר ברויטן...

איז געקומען אַ איד פון ברוקלין

„גאָט העלף אייך, טאָכטער, זייט געלויבט און געגריסט",
שלעפּט אַ איד זיך אויף שטיגן צו דער אָפענער טיר.
מיט שניי־ווייסע האָר און מידקייט אין פּים,
מיט ווערטער מיט פּראָסטע, אַזוי רעדט ער צו מיר.

זיין פּנים צעשטראַלט, מיט אַ רויטקייט באַדעקט,
ווי אַ אינגל ער שמייכלט מיט זילבערנע האָר.
„שוין צוויי שעה פון ברוקלין, אַ איד איז אין וועג,
דאָ שטיי איך פאַר אייך, גאָט העלף און גוט יאָר."

ער זוכט מיט די אויגן אַ שטול אין מיין שטוב —
ביים האַרצן די האַנט, דער אָטעם איז שווער.
„ווער זייט איר? אַ קרוב געקומען פון שטאָט?"
ער ענטפערט: „אַ איד אַ פּראָסטער פון נאָדל און שער..."

איך בין דאָ אין לאַנד דאָס פופציקסטע יאָר.
פון שניידערשן יחוס, פון אַרבעטער־שטאַם.
איך אַרבעט אין ברוקלין, אין אַ „קלינינג־סטאָר",
דורכגעגאַנגען אין לעבן דורך פייער און פלאַם.

אָן עדות געווען, ווען דאָס לאַנד האָט געבליט,
מיט הימל־קראַצערס, מיט דער ברוקלין־בריק.
עס האָט געוואַקסן דאָס לאַנד, ווי נאָך אַ רעגן דער צוויט,
נאָר איך האָב געבענקט צוריק צו מיין וויג.

אָן עדות געווען פון דער מענטשלעכער מי,
ווען בראָנקס איז געווען אַ דאָרפיש געצעלט,
וואו עס שטייען היינט מויערן — פלעגן פּאַשען קי,
וואו געפלאַסטערטע וועגן — געווען איז דאָן פעלד...

אָן עדות געווען, ווען צוויי פערד אין געשפּאַן,
די גריוועס מיט פענער מיט רויטע באַצירט,
האָבן געשלעפּט אויף גאַסיקע שינעס די באַן:
די אַרבעטער צו די שעפּער געפירט.

אָן עדות געווען, ווען ניו יאָרק האָט געברענט
מיט רויכן פון קוימענס צעפלאַכטן אין ווינט.
ווי ביי פּרעהן די שקלאַפן, האָבן מענטשלעכע „הענט"
אין קעלערס געשקלאַפט מיטן גאַנצן געזינד...

וואו א זומפּ איז געווען, געוואָרן איז ערד.
מען האָט טייכן געצאַמט און בריקן געבויט.
איך, דער ברוקלינער איד, דורך נויט זיך גענערט,
דורך שוויים פון די הענט געגעסן מיין ברויט.

איך האָב געשקלאַפּט אינעם סוועט פונעם שאַפּ,
געפּאַקט און געמאַזלט, ווי יעדער אימיגראַנט.
ווי הערצער געזונטע, האָבן האַמערס געקלאַפּט;
פאַר מיינע אויגן געוואַקסן דאָס ריזיקע לאַנד.

געצייט און געצייט בייטאָג און ביינאַכט,
ביים קאָפּיץ פון לאָמפּ, ביים עלעקטרישן ליכט —
א האַלבן יאָרהונדערט אין יאָך אָפּגעשקלאַפּט,
דערציילן די קנייטשן פון הענט און געזיכט...

אזוי ווי א חלום איז אוועק א יאָר נאָך א יאָר.
ס'האָט וועלט זיך נאָך מענטשלעכן בלוט פאַרבענקט.
עס האָט זיך געביטן א דור נאָך א דור —
מיט מענטשלעכן בלוט די ערד פאַרשוועַנקט.

דורך מי אָפּגעשפּאָרט א פּאָר טולער אין באַנק,
(ניט דערעסן א טאָג, ניט דערשלאָפן א נאַכט),
בין איך געפאָרן אהיים צו דער וויג פון מיין לאַנד —
פאַרוואַנדלט אין חורבן דורך מלחמהדיקער שלאַכט...

געזען אין מיין היים פאַרוויסטונג און טויט:
די שטיבער פאַרברענט, די וועגן פאַרלענדט;
אויף די גאַסן שפּאַנט דער באַרוועס און נויט,
און עס ציען זיך קינדער מיט בעטלערשע הענט.

געלאָזן מיין היים, ווי א בית־עולם פאַרוויסט.
ביזן לעצטן העמד מיינע לאַנדסלייט צעטיילט,
און געזען: ווי א שלאַנג, עס פויזעט פאַשיסט,
מיט גיפטיקע ציינער ער „היילט און ער היילט".

דורך ימען צוריק צו מיין גאָלדענעם לאַנד.
פופציק יאָר פון מיין לעבן ליגט דאָ פאַרפרעסט.
כאָטש איך קום פון פּראָסטן שניידערשן שטאַנד —
ביי פרעמדע טישן ניט געגעסן קיין קעסט...

ניט געבויגן פאַר קיינעם מיין גרייז־גרויען קאָפּ.
מיין גייסט איז באַהעפט מיט דער נייער צייט.
וואָס צו לייט — איז צו לייט, צו גאָט — איז צו גאָט:
פאַראַן בלויז איין לאַנד, וואו דער איד איז באַפרייט...

און ווידער איך זיץ ביי נאָדל און שער,
און ווידער איך ניי און איך פּרעס אינעם סטאָר.
איך בין געקומען צוריק צו שטאַרבן אַהער,
נאָך מיר וועט אויפגיין אַ ליכטיקער דור...

ניט צוליב דעם בין איך היינט געקומען אַהער;
איך האָב זיך דאָס האַרץ פאַר אייך אויסדערציילט.
ניט די שווערד, נאָר דאָס וואָרט — דאָס שטאַרקסטע געווער:
אַ אידישע טאָכטער זאָל זיין אויסדערוויילט.

צו זינגען שירים פון דער היינטיקער צייט,
צו זינגען פון בלומען און זאַנגען און וואַלד,
צו זינגען פון קעמפּער, וואָס פאַלן אין שטרייט!
מיט די אייגענע אויגן געוואָלט זען די געשטאַלט.

עס האָט געזונגען אַמאָל אין דער ביבלישער צייט
דבורה די נביאה אזא יובל־געזאַנג
און גערופן דאָס פאָלק צו ווערן באַפרייט:
„שטיי אויף, ברק, און פאַנג דיין געפאַנג!"

און סיסראַס מאַמע האָט ביים פענצטערל געוואַרט:
„פאַרוואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן מיט די געשפאַנען?"
זי ווייס ניט: זיינע אברים ליגן פאַרשטאַרט,
דערפאַר טוט זיך זיין רייטוואָגן זאַמען...

און וואויל צו אייך, זינגערין פון היינטיקער צייט,
איר פאַראייביקט אין שירים און לידער.
אונדזער פאָלק יאָמערט ווי אַ פאַרוואונדעטער לייב;
געקרייציקט אונדזערע אידישע ברידער...

פאַרגיט מיר, איך קום פון ברוקלין צו אייך.
פאַר אַן עלטערן אידן דער מהלך איז ווייט.
נאָר גלויבט מיר: ווי אַ שטראָמיקער פריידיקער טייך
בין געפאָרן אַהער מיט אינגלישער פרייד...

ווען אייער נאָמען האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט
מיט היימישע לידער, ווי ברויט אַזוי עכט,
איך האָב זיי געזונגען ביים פּרעס פונעם ברעט:
איך האָב זיי געלייענט דורך די איינזאַמע נעכט.

נעמט צו מיין ברכה פון אַן עלטערן איד.
איר זאָלט לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.
ווי וויין אויף מיין צונג, געטרונקען אייער ליד.
גלויבט, וואָס איך זאָג איז די הייליקע וואָר.

איר זאָלט זיך עלטערן מיט די קינדער און מאַן.
אייער ליד וועט לעבן דור־דורות נאָך מיר."
און ער הויבט זיך אויף מיט זיכערן שפּאַן
און זוכט דעם דורכגאַנג אַרויס צו דער טיר.

— — — — — — — — — — — — — — —

איך שטיי פאַרשעמט און גערירט ביזןביין.
מיינע ליפּן אין ציטער אַנטקעגן דעם איד.
אָט, ווי אַ קינד, איך ברעך אויס אין געוויין
און שטיי, ווי גענאָגלט, צום דיל צוגעשמידט.

איך האָב געזען אין געשטאַלט דעם הערלעכסטן איד.
מיינע זיידעס דורך אים — איך הער זייער קלאַנג.
איך וועל זינגען פון לעבן דורך מיין אידישן ליד.
און געמורמלט צוריק: „אַ דאַנק אייך, אַ דאַנק!"

איך האָב געזען דורך אים די בליציקע רוט,
וואָס בויגט ניט זיין גוף, ברעכט ניט זיין שטאַם.
ווי לויטער עס רעדט זיין געפּייניקט בלוט
דורך דורות געברענט אויף שייטערס און פלאַם!...

איך האָב געזען דורך אים דעם גורל פון וועלט,
די זון אין אויפגאַנג, די זון אין פאַרגאַנג,
אין נייעם לאַנד בויט דער איד זיין געצעלט,
אין שטיינערנעם רוים זינגט אַריין זיין געזאַנג.

מיט פּאַמעלעכע טריט גייט דער ברוקלינער איד,
שטאָלץ און דערהויבן ווערט מיין געשלאָגענער גייסט.
מיין אָרעמער וואָפן, מיין פּראָסט אידיש ליד,
קאָן ברענגען אַ מענטשן אַזאַ ליכטיקע טרייסט...

VI

עס שרייט די שטילקייט

עס וועגט אראָפּ דעם בוים די רייפע פלוימען,
מיינע אויגן אָפענע צום הימל טרוימען.

איך ליג, די הענט צענומען, אויפן גרינעם פעלד,
מיט שווערקייט אויף מיין ליַיב וועגט אראָפּ די וועלט.

צו מיינע אויערן דערטראָגן זיך קאַנאָנען קנאַלן,
איך זע אַ שלאַכטפעלד ; זעלנער ווי די פליגן פאַלן...

מיין אויער איז צוגעוואוינט צו דעם געזאַנג פון לידער,
וואָס-זשע הער איך קאַנאָנען-קנאַל שוין ווידער ?

ס'איז בלוי דער הימל, פייגל בלויע פליען,
וואָס-זשע זע איך באָמבן-עראָפּלאַנען ציען ?

אויף אַ פעלד אַ גרינעם, אין אַ טאָג אַ קלאָרן,
וואָס-זשע קומען זיי צוריק, די מלחמה-יאָרן ?

איך הער איצט טריט, טרומייטן שאַלן,
מיר דאַכט — אַ מענטש איז צו מיר צוגעפאַלן.

זיין ליַיב איז וואונדן, גלידער בלוטיק פלאַמען,
דאָרט טורעמט אויף אַ בארג, סקעלעטן שפּאַנען...

וואָס-זשע שרייט די שטילקייט מיט שווארצע קראָען ?
אָ, גיב צוריק די רו מיר, פון די שטילע שעהען !

גיב צוריק די רו מיר פון אַ הימל קלאָרן,
וויש אָוועק דעם גרויל פון מלחמה-יאָרן...

פאַרן שניט

ווי פאַר אַ שטורעם — אַרום מיר אַ שווייגן;
אַ טויטע שטילקייט קוואַלט און קוואַלט.
איך זע גופים — ברענענדיקע צווייגן,
איך זע די וועלט, אַ פלאַקערדיקן וואַלד...

די וועלט־שׂרפה האָט זיך ווידער אָנגעצונדן;
מען שאַרפט די שווערדן פאַר מענטשן־שניט...
איך טראָג נאָך פון וועלט־פייער די וואונדן,
און ווידער האָט די וועלט־שחיטה צעבליט...

עס רוישן כאַרכל־ווערטער אין מיינע אויערן;
איך זע די אָפּגעהאַקטע הענט און פיס.
אויף שפּיצן טורעמס, אויף טיר און טויערן,
מענטשן־קעפּ אויף שאַרף פון שפּיז.

איך זע, דער טייך האָט גופים אויסגעשפּיגן,
איך טראָג אין זיך שרעק פון זייער בליק.
קראָען אין דער לופט צעקראַקעט און צעשריגן.
אין טייך זיך שפּיגלט דער סקעלעט פון בריק.

איך בין אויסגעוואַקסן אויפן אַש פון חורבן,
איינגעזאַפּט פון קעלערן די פייכטע ערד.
איך בין פון וועלט־שחיטה אַ קרבן,
וואָס האָט צום לעבן זיך צוריקגעקערט...

אויף אַ תליה הענגט דער יאָרהונדערט אַ פאַרגוואַלדטער,
דאָס וואָרט פון האַרץ און מאַרך פאַרברענט.
אין שוואַרצע קיטלען שפּאַנט דער מיטלאַלטער —
מיט האַקנקרייץ אויף בלוטיקע מעסער־הענט...

עס שרייט אין מיר, איך קאָן ניט שווייגן!
עס שפּאַנט דער טויט מיט פרישע טריט.
מען גרייט די לעבנס צו פאַרשניידן,
מען שאַרפט די שווערדן פאַר מענטשן־שניט...

ווי פילט זיך אַ זיגער?

ווי פילט זיך אַ זיגער,
מיט דער שווערד אין דער האַנט,
ווען אין פלאַמען פלאַקערט דעם שונאס לאַנד?
בערג מיט הרוגים צו זיינע פיס,
און ער — אויף אַ פערד פליט מיט זיין שפּיז...
ווי פילט זיך אַ זיגער?

ווי פילט זיך אַ זיגער,
מיט בלוט אויף זיין קלייד?
ווען טאָלן מיט קולות צעשניידן די ווייט,
ווען קוואַלן פאַרסמטע טוכלען אין ערד,
און ער — פליט איבער בערג מיט זיין שווערד —
ווי פילט זיך אַ זיגער?

ווי פילט זיך אַ זיגער
אין מאָרגן-רויט,
ווען הינטער אים — אַשיקע בערג מיט טויט?
אין זיגערס אויגן מאָרד און גלאַנץ,
אויפן האַלדז פון פערד אַ בלומענקראַנץ —
ווי פילט זיך אַ זיגער?

ווי פילט זיך אַ זיגער,
אויף זיכערער ערד?
פון שלאַכטפעלד צוריק אַהיימגעקערט,
און פירט זיין זון אַ גאָלדן געשאַנק,
אַ פינגערל פון אַ טויטער זעלנערשער האַנט —
ווי פילט זיך אַ זיגער?

ווי פילט זיך אַ קריגער? ווי פילט זיך אַ העלד?
גיי פרעג די הרוגים אויף איינזאַמען פעלד,
פרעג ביי די ראָבן וואָס קומען צופליען,
פרעג ביי די פעלדער וואָס קאָנען ניט בליען,
פרעג ביים ווינט, וואָס יאָמערט ביינאַכט —
ווי פילט זיך אַ זיגער נאָך אַ זיגרייכער שלאַכט?...

זאַנגען און צלמים

אַמאָל פֿלעגן אויפֿגיין די פֿעלדער מיט זוימען,
אַמאָל פֿלעגן זינגען די פֿעלדער מיט ווייץ.
איצט ליגט פֿאַרזייט די ערד מיט הרוגים,
וואו אַ גאָלדענע זאַנג — אַ הילצערנער קרייץ...

אַמאָל פֿלעגט די זון קושן די זאַנגען
און האָלדזן די ביימער מיט פֿינגער פֿון גאָלד.
אויף אַ צעשאָסענעם בוים איז אַ היטל געהאָנגען —
און עס וויגט זיך נאָך אום מיט אַ זעלנערשן טראָלד...

ערד איז פֿאַרשטאָכן מיט הילצערנע צלמים,
מיט מענטשלעכע קברים פֿאַרזייט איז איר טראַכט:
עס וועלן נאָך אויפֿגיין די פֿעלדער מיט זוימען,
ס'בליט בונטער דאָס פֿעלד נאָך בלוטיקער שלאַכט...

ס'ווערט פֿעטער די ערד פֿון מענטשלעכע קברים,
פֿון מענטשלעך געביין ווערט גרינער דאָס פֿעלד.
נאָר עס ליגן די שניטער מיט פֿאַרשניטענע יאָרן;
די גאָלדענע זאַנגען — מיט צלמים פֿאַרשטעלט...

ניט זינגען מער...

ניט זינגען מער — ווער דאַרף דען האָבן לידער?
ווער דאַרף אין טעג פֿון גרויל געזאַנג פֿון צוויט?
מען שניידט פֿון אידיש לייב לעבעדיקע גלידער,
וועל איך ניט זינגען מער מיין אידיש ליד.

אַזוי האָב איך די ליפּן היינט געביסן,
אַזוי האָב איך געזאַנג דערשטיקט אין זיך —
מיין אייגן ליד ווי מיט אַ בייטש פֿאַרשמיסן,
האָט ווייטיקדיק אין האַלדז געצאַפּלט זיך...

אַ פֿאַרקלעמטע צוגעשאַרט זיך צו מיין פֿענצטער,
אין גאַס איז אויסגעפֿאַלן אַ ווייסער שניי;
די ביימער וויגן זיך ווי ווייסע טענצער,
מיט דימענט־שלייערן אין כישופֿדיק געדריי...

די וועלט באַדעקט מיט שניי אַ קלאָרן,
די הייזער, דעכער אין אַ כישוף־רינג,

אין ווייסן ליגט די וועלט ווי ניי געבאָרן ;
איך קוק אַהין — און ווייס ניט אַז איך זינג...

די מאָרגן-זון האָט אויפגעטאָגט אין פלאַמען,
דאָס אייז צעגאַנגען אויף מיין ברעם ;
צוגעשמידט בין איך צום ליכט געשטאַנען
און פאַרשעמט באַפרייט דאָס ליד פון קלעם...

וואָס איז אַ מענטש ?

וואָס איז אַ מענטש — אַ בינטל נערוון אין געהיים,
אַ הויפן אויסגעשרייען מיט זיך אַליין.

אַ מענטש — אַ צעריסענער אין טויזנט שטיקער,
מיט זיך, דורך נעכט, מיט אַלע זיינע גלידער.

אַ מענטש — געבונדן צו די דורות מיט די פעדעם,
אַ מענטש — וואָס בלוטיקט פאַרן אמת אין זיין לעבן.

אַ מענטש — אַ זינדיקער אין זיין פיין געהייליקט,
אַ מענטש — אַ הייליקער מיט זיך געפייניקט.

אַ מענטש — וואָס בויט די מענטשהייט צו די הויכן,
און ווי אַ שטויבל קאָן צום אָפּגרונט טויכן...

אַ מענטש — וואָס קאָן דורך זיך אַ וועלט געבערן,
אין איין מינוט זיין ווערק צעשטערן...

אַ מענטש — וואָס יאָגט דורך פינצטערניש צו זונען,
און ווערט פאַרבלענדט ווען ער האָט דאָס ליכט געפונען.

אַ מענטש — וואָס קאָן מיט זיך ניט מאַכן שלום,
און גייט דורך טויזנט טויטן אין זיין חלום.

אַ מענטש — באַהעפט מיט אַ מענטש אַ צווייטן,
גוף מיט גוף פאַרשפינט דורך אייביקייטן.

אַ מענטש — צעקריגט מיט זיך ווי מיט שונאים,
און לאַכט אַריין אין שפיגל זיין אייגן פנים.

אַ מענטש — געראַנגלט אין געקריץ פון ציינער,
אַ מענטש געוועזן — און אָט אַ בינטל ביינער.

אַ מענטש — וואָס ברענט אין אש פון זיינע פלאַמען,
דאָס ביסטו, און איך, און אַלע מיר צוזאַמען...

הונגער

•

איר פּנים — קנאָכן.
אירע אויגן — קויל.
הענט פאַרבראָכן.
א וואונד — איר מויל.

זי שלעפּט די בריסט,
איר קינד גייט אויס;
שטאָט מילך, עס שפּיזט,
בלוט אַרויס...

אשיק־גרוי,
צוויי טאָרבעס וויסט.
זיצט א פרוי,
מיט פּוסטע בריסט.

ווי א קראַנקער פויגל,
אויף אַ דאָרן־קוסט,
ליפּלעך זויגן,
סם פון ברוסט...

זי האַלט אַ בינטל
אויף איר שויס,
און פון בינטל —
א פּנימל אַרויס.

דאָס קינד ווערט געל,
און ציט, און ציט...
די טראָפּנס קרעל,
פון ברוסט צעבליט...

דאָס מיילכל קרום,
קראַמפּט זיך איין.
די מוטער שטום,
וויגט עס איין.

איר קאַלטער שטערן
טראָפּט געוויין.
איר קינד דערנערן,
און אַזוי פאַרגיין...

— — — — — — —

דאָס מיילכל זוכט,
ברעכט געוויין.
די מוטער פלוכט,
איר וויסט געביין...

אין גאַס מען שיסט,
עס האַגלט שרויט...
אויף ביקסן־פּיס,
שפּאַנט דער טויט...

זי קנייפּט און ציט,
די מילך פון בריסט.
אין שפּיזן בריט,
איר לייב איז וויסט...

ער לויפט פאַרביי
איר דינע שויב,
און זייט מיט בליי
און שניידט מיט טויט...

אַ כינעזערל

ס'איז האַרבסט. מיט אַ גרויען בעזים קערט דער ווינט.
איך האָב געזען אַ בילד פון אַ מלחמה־קינד.

די מאַמע איז געלאָפן מיט צעפלויגענע האָר,
אויף דער פּלייצע האָט זי געטראָגן איר זון דעם בכור.

אין אַ קאָשיקל איז ער געלעגן, אין וויקעלעך פאַרשנורט,
נאָר דאָס פּנימל האָט אין זונען־ליכט געקלאָרט.

די אייגעלעך די גלאַנציקע — ווי פּאַסעקלעך פון שוואַרץ.
די מאַמע האָט אין בלוט געפילט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ.

פלוצלונג האָט אַ שנייד געטאָן אַ שוואַרצער עראָפּלאַן,
די ערד האָט אויפגעריסן — אַ שפּייענדער וואולקאַן.

אַ בריק האָט זיך צעפלאַקערט אין פייער און אין פלאַם,
נאָר דאָס קאָשיקל האָט זיך געקייקלט ווי משה אויפן ים.

אויפן שוים פון די כוואַליעס דאָס קאָשיקל געטאַנצט,
אין קאָשיקל — אַ כינעזערל, ווי אַ וואַסער־פלאַנץ.

און ווי עס שטייט אין יענע צייטן אין די ספרים פאַרשריבן:
„האָט פּרעהס טאָכטער מיט אירע דינסטן זיך צום טייך
פאַרקליבן."

האָבן פרויען דאָס קאָשיקל פון טייך אַרויסגעצויגן,
נאָר די מאַמע האָט מער איר קינד ניט אָנגעזויגן.

שטאַר איז זי געלעגן אויפן ברעג, פאַרברענט —
נאָר צום קאָשיקל געקלעפּט דער מאַמעס טויטע הענט...

אַ קוש

העי, דו זעלנער אויף די הפקר־באַנען!
האָסט אויף מיינע ליפּן פאַרפרעסט אַ קוש.
איך בין אַ קינד געווען און ניט פאַרשטאַנען —
דו שיקסט דורך מיר דער וועלט דיין לעצטן קוש...

אין געפּאַקטן צוג פאַר אַזויפיל אויגן,
האָסטו מיך ווי אַ באַל געטאָן אַ הויב.
ווי אַ הויכער ריז זיך געבויגן,
אַנטקעגן פראָסט פון קאַלטער שויב.

איך האָב אַ הוט ווי דיין שוועסטערל געטראָגן,
איך האָב דערמאָנט דיך אָן דיין היים.
האָסטו אַ לעצטן גרוס געשיקט איר זאָגן,
און צעוואָיעט זיך אין אַ ווילד געוויין...

ווי אָן אָקס וואָס רייסט זיך פון דער שחיטה,
וואָס האָט אין חלף דעם טויט דערפילט,
האָבן הענט דיך אַ טראָג געטאָן ווי אויף אַ מיטה,
דיין געשריי מיט פויסטן איינגעשטילט...

דער צוג האָט געסאָפּעט ווי אַ שוואַרצע חיה,
און געלאַכט מיט פונקען רויט...
דו ביסט געפאָרן צו דיין אייגענער לויה:
אויפן שלאַכטפעלד האָט געוואַרט דיין טויט...

דו, פרעמדער זעלנער, אינעם מאַסן־קבר,
אויף אַ ראָבן-פעלד שוואַרץ ווי קויל,
עס איז שוין שטויב דיין יעדער אבר,
דיין קוש וואונדיקט אויף מיין מויל...

צו אַ זינגערין

ניט פאַר לאָרדן אין מאָנאָקלען האָט זי צעשאַלט איר ליד,
נאָר אויף שלאַכטפעלד צווישן קוילן אין מאַדריד...

ס׳האָט קאַלטער פראָסט די שפּילקעס אויסגעשטעלט,
צווישן שניי און פייער האָט געבראָטן זיך די קעלט.

ס׳האָבן פלאַמען זייערע פליגל אין דער לופט צעזויט,
אין ווייסע קיטלען האָבן צלמים זיך באַקליידט...

ס׳האָט דער שונא געשאָטן פון הימל מאָרד און טויט,
די מיליציע איז געגאַנגען געגן מאָרגן־רויט...

פאַרויס אַ זינגערין האָט צעשאַלט איר ליד,
אויפן שלאַכטפעלד צווישן קוילן אין מאַדריד...

ניט קיין צירונג האָט זי געטראָגן אויף איר האַנט;
שטאַרבן פאַר דער פריי — געגאַנגען מיט געזאַנג...

ניט טשעלאָס און פידלען האָבן איר אַקאָמפּאַנירט,
נאָר געוויין פון חורבות פון שונא באָמבאַרדירט...

ניט באַוואָרפן האָט מען זי מיט בלומען אויפן פעלד,
מיט באָמבעס האָט געהאָגלט איבער איר די וועלט...

ס'האָט דער טויט געריטשעט דורכן מויל פון קאַנאָן,
מיט געזאַנג האָט זי געפירט צום קאַמף אַ באַטאַליאָן!...

האָט איר שטים געשאַלט ווי גלעקער־געקלאַנג,
צווישן טויט און פייער האָט געיובלט איר געזאַנג!

צו אַ שכניש אינגל

אין אָנדענק פון מילטאָן ראַפּאַפּאָרט,
געפאַלן אין שפּאַניע

איך האָב געקאָנט דיין בלייכן פּנים,
דו האָסט צייטונגען געבראַכט אין שטוב.
און אוועק זיך שלאָגן מיט די שונאים,
און געפאַלן אין אַ שטראָם פון אייגן בלוט...

דיין מאַמע איז ניט געשטאַנען ביי דיין שטאַרבן,
דיין שוועסטער האָט ניט מיט טרערן דיך באַוויינט.
אויפן שלאַכטפעלד האָט געגרוילט דיין שאַרבן,
דיין גוף איז געלעגן דאָרט פאַרשטיינט...

איבער דיר האָט אַ פלאַמיקע לבנה
מיט איר ליכט באַשירעמט דיין געביין;
פון זילבער־שטראַלן דיר אויסגעוועבט אַ טרונע —
דיך ניט געלאָזט מיטן שונא אויפן פעלד אַליין...

אַ אינגל בלייכער, איך הער דיך רופן,
איך בויג זיך צו דיינע קאַלטע ליפּן צו.
דיין יונגער גוף איז בלויז איינגעשלאָפן,
שלאָף, אינגל בלייכער, אין דיין רו.

איך נעם צו די ביקס פון דיינע גלידער,
איך קעם דיר אויס די האָר מיט פרישן ווינט.
ביסט געפאַלן פאַרן בלוט פון דיינע ברידער,
און האָסט מיך אין דיין טויט אַריינגעשפּינט...

איך קוש דיר אויס די וואונד מיט מיינע טרערן,
איך וואַש דיר אָפּ דעם שטויב פון דיינע פיס.
איך דעק דיך צו מיט אַ נעץ פון שטערן,
און הייל דיר אויס דיין יעדן ריס...

איך שטעל אוועק א ווערבע דיר צוקאָפּנס,
זאָל זי דיר ברענגען שאָטן אין דיין רו.
דיינע גלידער, וואָס בלוטיקן אין טראָפּנס,
מיט אַן אָוונט־הימל איך דעק זיי צו...

צוליב דיר ווייִנען היינט די רויטע פאָנען,
דיין גוף א דורכגעשאָסענער מיט בליי.
פון יעדנס ליפּן זינגט אַראָפּ דיין נאָמען,
האָסט אָפּגעגעבן דיין לעבן פאַר דער פריי...

מיין נפש

אזוי לאַנג ניט געהאַלטן א פען אין מיין האַנט,
מיין פען — ווי א בויגן אויף פּאַפּיר איז געשפּאַנט.

מיין טאָכטער, מיין נפש, מיין פלייש און מיין בלוט;
אין דרויסן איז פרילינג, און גוט איז דיר, גוט!

דיין הענטעלע קליין נעמט מיך אַרום;
איך דריי זיך מיט דיר, מיט וועלט און מיט זון.

אָט גייט איצט די וועלט איר וואונדיקן גאַנג,
מיט ביקסן, מיט באָמבעס, און ניט מיט געזאַנג...

די „וועלפיבע" שטייט מיט ציינער צעפראַלט,
נאָך מענטשלעכן בלוט די וועלפיבע גאַלט...

דו קוקסט מיט וואונדער, דיין מיילכל זויגט,
און ערגעץ א מענטש איצט נויגט זיך צום טויט...

און פאַלט מיט א ביקס אויף א בלוטיקן ראַנד,
און גיט אָפּ זיין לעבן פאַר פרייהייט פון לאַנד...

דו זויגסט, און דו זויגסט, מיין נפשל קליין,
דיינע טרערן זיינען אויך מיין געוויין.

דו זויגסט, און דו זויגסט, זויג ניט אויס מיין געמיט,
ווייל מיט סם איז געמישט די מילך פון מיין ליד...

דו זויגסט, און דו זויגסט, און שמייכלסט דערביי,
די וועלט איז א שעכטהויז — אין דרויסן איז מאַי.

ביימער באַקליידט מיט בעז און מיט צוויט,
און דו, מיין יונג לעבן, בליסט אין דער מיט...

קינד, דו נייער מענטש

דו שלאָפסט, מיין קינד, ביי דיין וויגל איך וואַך.
דער הימל צוקאָפּנס — אַ בלוי געשליפענער דאַך.
פון דאָרטן די זון אין גאָלד גייט אַרויס
און קושט דיר דיין ראָזע פּנימל אויס.

איך טרוים דיין אויפבלי אין מאָרגן, מיין קינד,
דו צווייג פון מיין ליֵיב, מיט מיין לעבן פאַרשפּינט,
די וועלט איז פינצטער — אַ מאָנסטער נאָך רויב,
דו, מענטש פונעם מאָרגן, אין דיין טאָג איך גלויב!

קינד, מיין שוואַרצאַפּל, דו מענטש פון באַגין,
איך גיס אין דיר איבער מיין פאַרפייניקטע שטים;
ווי ברויזיקן ווין אין געשליפענעם גלאָז,
טרינק מיין לעבן פון ביטערן כוס.

עס האָט געזונגען אַמאָל מיין פאָלק אונטער קנוט,
דער טאָל איז פון טרערן און מענטשלעכן בלוט,
מיט טרערן געמישט איז דער בעכער פון פּיין,
ביים וויג ווען דו שלאָפסט אַזוי זינג איך דיר איין.

דו, מענטש פונעם מאָרגן, ביי דיין וויגל איך וואַך,
איך זע דיך שפּאַנען אויף אַ ליכטיקן שליאַך,
פאַרברידערט מיט פעלקער, איך זע ווי דו שפּרייזסט,
פון היינטיקן גרויל וועסטו זיין אויסגעלייזט.

פון דורות צעשריגן עס יאָמערט מיין מויל,
פון לייבער צעפּייניקט איך ווייטיק דאָס קול,
און דער הימל איז בלוי, אַלעמאָל בלוי געווען,
עס האָבן דורות פאַר מיר אויך די בלויקייט געזען.

ביים וויג ווען דו שלאָפסט שרייב איך אָן אָט דאָס ליד,
נעם די שורות אין גאַנג פון דיין יונג־לעבן מיט.
מיין קינד פונעם מאָרגן, ווען איך וועל פאַרגיין
זאָלסטו דערמאָנען דיין מאַמעס געביין...

און עס וועט זיין...

פון אַלע ווינקלען, פון אַלע ימען,
פעלקער מיט פעלקער קומען צוזאַמען...

פון אַלע לענדער, אויף אַלע ברעגן,
שיפן מיט שיפן קומען אַנטקעגן...

אויף הימל, אויף בלויען, לופט באַלאָנען
וועלן אין שיינקייט, אין פרידן דערמאָנען...

עס וועלן קיין באָמבעס פון הימל ניט פאַלן;
רעגענען וועט מיט זון און מיט שטראַלן...

קאַנאָן וועט ליגן פאַרשטומט אין זיין אייזן,
עס וועלן די קוילן אין ראָסט זיך אויפלייזן...

זיין וועלן פאָנען צעוויקלט אויף ימען,
פעלקער און ראַסן אַלע צוזאַמען...

און שטעט וועלן מער ניט אָפּגעווישט ווערן,
מענטש וועט ניט וואַשן זיין פּנים אין טרערן...

זיין וועלן ביימער — ביימער צום בליען,
נישט פאַר קיין פּעטליע אויף האַלדז צו פאַרציען...

זיין וועט די ערד פאַר ווייץ און פאַר קאָרן,
און ניט צו באַגראָבן פאַרשניטענע יאָרן...

זיין וועלן שווערדן אין סערפּן פאַרשמאָלצן,
מענטשלעכע פּים — ניט זיין וועלן שטאָלצן...

בריקן מיט בריקן וועלן זיך שליסן,
פעלקער מיט פעלקער ניט זיין מער צעריסן...

סערפּ וועט מיט האַמער זיך שטאַרקער פאַרשמידן,
און קייטלען די וועלט אין רינגען פון פרידן...

VII

חלות

עס פּלאַקערט דער אויוון,
עס גלאַנצן די בלעכן,
עס שטייען דריי מוידן
מיט נאַקעטע קנעכל...

אויף ווענט פּאָכען פּענער,
וואַרעם די גלידער.
דורך שויבן די טענער
פון מיידלשע לידער.

דריי מוידן ווי חלות,
געשמאַקע און ווייסע,
עס שטייען דריי כלות
און פלעכטן אַ מעשה.

אויף טישן די חלות
מיט זיבענער פלעכטן,
עס שפּילט אויף די כלות
אַ ליד נאָך פון נעכטן...

דאָס טייג גיט זיך איבער
אין קנעטן אין ווייכן,
פון פויסטן ווערט גריבער,
פון פינגער אַ צייכן...

די בלעכן ווי שפּיגלען
גלאַנצן און גלאַנצן;
דריי מוידן מיט פליגלען
פלעכטן און טאַנצן...

עס פּלאַקערט דער אויוון,
עס קנאַקן די פלאַמען,
דריי שיינע מוידן
זינגען צוזאַמען.

עס טאַנצן די בריסטן
אין צאַפּל אין רונדן;
מוידן צום גלוסטן,
מיט באַקן צעצונדן.

ווערט פאַרטיק די חלות,
טראָגט די מאַמע פאַרזוכן,
און צייגן די מעלות,
די זין פונעם שכן...

„פראַטשקעס"

א בלויער פראָסט,
א ווייסער שניי.
א שטורעם בלאָזט,
א ווילד געדריי...

די „פראַטשקעס" פראַלן,
פון טייכן דאָס ליד ;
די ווינטן שאַלן,
פאַרגייען זיך מיד.

די פראַטשקעס מיט קוישן,
מיט טיכלעך צעלאָזט ;
די קליידער זיי רוישן,
ווי צווייגן אין פראָסט.

עס פאָרט אַן א שליטן
מיט צוויי זילבערנע פערד ;
א יונג זיצט אין מיטן,
האָט דאָס פראַלן דערהערט.

א טאַנץ אויף גלאָז,
אַנטבלויזטע צום ווינט ;
באַקן מיט ראָז,
סטענגעם מיט ווינט.

דער יונג פייפט צו
צום טאַקט אַזאַ ליד ;
די בייטש שפּילט צו,
דער שליטן ער פליט...

וויים לויכט דער שטיין,
דער טייך פראָסטיק בלענדט ;
בייסט פראָסט זיינע ציין,
אין מיידלשע הענט.

עס קומען אַן יונגען,
פון הינטערן שטאָט ;
האָט טייך זיך צעקלונגען,
מיט גליטשערם אין ראָד.

די גליטשערם פינקלען,
מיט בלאַנקן שטאָל.
„פראַטשקעס" ווינקען,
לאַכן אויפן קול...

עס טאַנצן די רעדער

אַ בראַנזענער הימל,
אַ קופּערנע ערד;
מיידלעך מיט בלומען,
און שיכורע פערד.

עס טאַנצן די רעדער,
אין פיר אַ קאַדריל;
געזאַנג איבער סעדער,
גערויש פון דער מיל.

שיכורע פערדלעך,
באַהאַנגען מיט צוויט;
מיידלעך מיט בלומען,
פאָרן פון שניט.

שיכורער דרויסן,
מיט ווײַן און מיט גוף;
מיט זיסקייט פון רויזן,
מיט מידקייט פון שלאָף.

אַלע אויף פורן,
געטורעמט מיט היי;
בערג פּיראַמידן,
און פאָרלעך אויף זיי.

ביימער און פעלדער,
אַנטלויפן אין ווייט;
מיט זומער מיט רייפן,
צווייגן באַקליידט...

עס פינקלען די קאָסעס,
אין ערד־ברוינע הענט;
ווי האַלבע לבנות,
וואָס שווימען אין בלענד.

הינט אויף די קייטן,
בילן אין שטויב;
עס זינגען די ווייטן,
צום פאַרנאַכט אַזאַ לויב.

און ריי שטייען גאָפּלען,
געשטאָכן ביז ווײַ;
מיט שפּיזיקע ציינער,
אין דופּטיקן היי.

שטיבלעך מיט שויבן,
לאַכן צו זיי;
הימל פון אויבן,
און פורן מיט היי.

די מילך-מויד

איר הויט איז לויטער,
הענט פון שווערער מי;
אין א שטאַל אַ רויטער,
מעלקט זי פערצן קי.

און די מידע פינגער,
מעלקן פערצן קי;
און א בלויער זינגער,
בייט איר אוים די מי...

אירע פינגער דאַרע,
פידלען אוים די מילך;
עס שלאָגט א הייסע פּאַרע,
פון די שעפלעך מילך.

הויבט זי פונעם בענקל,
זעצט זי אויפן פערד;
קי אַליין זיך מעלקן
און פּאַשען אויף דער ערד...

און די קי זיי שטייען,
און זיי קייען היי;
צו זיבן אין די רייען,
פון פּאַרבן אַלערליי.

פּאַרלעך זעט זי טאַנצן,
ביימער ווייס מיט צווייט;
און מיט בלומען קראַנצן
לויפן קינדער מיט...

איינע רויט ווי קופּער,
איינע ווייס און ברוין;
א קעלבל מיט א מוטער,
געבונדן צו א צוים.

איינע שלעפּט א שלייער,
לאַנג און ווייס און דין;
א פויגל ברענגט צו שטייער,
איר אַ פּעדער גרין...

זיצט די מויד געבויגן,
און זי מעלקט און מעלקט;
דורך שייבעלעך פון אויגן,
א ליכט פלאַמט און העלט.

ציט זי אוים איר אָרעם,
מעלקט דער הימל זון;
יעדער גראָז קריגט פורעם,
און ווערט טויאיק פול.

די מילך־שעף נעמט זיך וויגן—
א ווייסער סאַמעט־שטול;
פון ערגעץ פליסט א ניגון —
פידלען מיט אמאָל...

און די טראָפּנס טויען,
ווערן ליכטיק קלאָר;
אויף איר האָלדז נעמט בלויען,
א זילבער פּערל־שנור.

א יונג קומט אָן צו רייטן,
אויף א רויטן פערד;
און זי הערט איצט פלייטן,
און עס שווימט די ערד...

פון פּאַרבן שפּינט דער הימל
א רעגנבויגן שאַל — —
זי וויגט זיך אום אין דרימל
און וואַכט אויף אין דער
שטאַל...

ניטאָ דער בלויער זינגער,
בלויז די שווערע מי;
מיט צען מידע פינגער,
מעלקט זי פערצן קי...

לבנה אויף דעכער

אָוונט אויף דעכער,
לבנה און שטערן ;
פון טונקעלע לעכער,
שאָטנס זיך מערן.

צעוויט אירע שלייערן,
עס לויכטן די בלעכער ;
אין זילבערנע פייערן
ברענען די דעכער...

אַלטינקע בלעכער,
שווארצע געשטאַלטן ;
הינטער די דעכער,
שטערן באַהאַלטן.

באַגעגענען בלעכער
מיט שטילע געזאַנגען ;
לבנה אויף דעכער,
איבער שטעטל צעהאַנגען...

שוסטער און שמידן,
מיט פּלייצעס געבויגן ;
בערדיקע אידן,
מיט נאַכט אין די אויגן...

צו לבנה און שטערן
הענט פאַרבראָכן ;
זאָל איר פולקייט געבערן
ליכטיקע וואָכן...

ווי זילבערנע טייכן,
שפּיגלען די דעכער ;
לבנה נעמט שלייכן,
ווארפט זילבערנע פעכער...

פון נידריקע שויבן,
נאָענט צו די ווענן ;
אויגן מיט גלויבן,
לבנה אַנטקעגן.

איבער אָרעמע היימען
איז זי געקומען ;
פון שטילע געוויינען,
דעם עלנט פאַרנומען.

פון דורות א ניגון,
שווימט העכער און העכער ;
לבנה צעוויגן,
איבער די דעכער...

מיין פרינץ — דער שבת

גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
דער הייליקער שבת קודש גייט אַוועק —
אַזוי פלעגט מיין מאַמע שעפּטשען איר תּפילה,
ביים פענצטער באַגעגענען די וואָכיקע טעג.

מיטן טוי פון די שויבן זיך וואַשן די פינגער
און תחינההדיק זינגען איר ניגון אַזוי:
גאָט, זאָלסט מיר ביישטיין ווי דוד דעם זינגער,
פריידע, דיין דינסט — אַ זינדיקע פרוי.

די רו פונעם שבת איז אַוועקגעשוואומען
מיט די ווייסע שנייען צו דער אייביקייט.
געלויבט האָט מיין מאַמע זיין ליבן נאָמען,
מיט אויגן פאַרטרערטע אים אַרויסבאַגלייט.

און איך — אַ קינד, בין פאַרוואונדערט געשטאַנען,
געזען דעם שבת: אַ פּרינץ אויף אַ פערד;
ער יאָגט אַזוי דורך בערג און דורך לאַנען —
אין זעקס טעג אַרום ער וועט קומען אַהער.

איך וועל דעם פּרינץ — דעם שבת פאַרהאַלטן,
זאָל ער בייטן דעם סדר פון זיין געיעג;
אויף איין טאָג זאָל ער שאַלטן און וואַלטן,
אין שטוב ביי אונדז בלייבן אַלע זעקס טעג.

ער וועט ברענגען עלף געצונדענע פלאַמען,
זיי וועלן גליען אין שניי־ווייסער ליכט;
די בענטשונג פון רו אויף מיין מאַמען
וועט ער שפּרייטן אויף איר מידן געזיכט.

ער וועט ברענגען חלות, פלאָדן און מאַנדלען,
און מיר וועט ער ברענגען אַ קלייד מיט אַ שאַרף;
די וואָכיקע נויט וועט ער פאַרוואַנדלען,
ווי דוד המלך אויף זיין כּישוף הארף...

ער וועט ברענגען פרייד אין אָרעמע שטיבער,
די קראַנקע — היילונג, ווי דורך אַ נס;
און איך האָב געקושט מיין פּרינץ דורך פיבער,
געהייליקט זיין קומען אַ גאַנצן מעת־לעת...

היים, מיין היים

ניט דורך פרייד בין איך געבונדן צו דיר, מיין היים,
נאָך דורך טעג פון צער, און יללה, געוויין.
פון דיינע פייכטע קעלערן, איבער דיין הונגער־שוועל,
האָב איך אויסגעטאָן זיך פון דיין חיהשער פעל...

אָ היים, מיין היים! מיינע קינדערשע טעג,
געשמידט צו דיר מיט פעדים פון שרעק...
אויף איינזאַמען בוידעם, אין פינצטערן גרוב,
פאַרקנוילט אין אַ ווינקל אין חורבן פון שטוב...

געהערט האָב איך פון שווערדן דעם קלונג,
פון שטיוול דעם טראָט, פון פערד דעם שפרונג.
מיינע בליקן געשפּיזט דורך אַ שפּאַרע אַרויס,
ווי עס בלוטיקט אין פלאַמען אַ שכנישע הויז.

אויף יעדן היימישן בלעכענעם דאַך,
האָט טויט געשפּילט מיט שראַפּנעלן אין שאַך.
די נאַכט האָט געפּויקט מיט פייער און שרויט,
ניט איינעם פאַרשלעפּערט מיט קוילן צום טויט.

אָ היים, מיין היים, ווען איך קוק איצט צוריק,
און זע די קאָזאַקן מיט פּאַביקע שטריק;
אין לופטן פאַרצויגן אויף אַ מענטשלעכן קאָפּ,
וואָס שלעפּט מיט דעם גוף איבער שטאָט אין גאַלאָפּ...

ווי אַ חיה, וואָס גראָבט זיך איין אין דער ערד,
האָב איך זיך באַהאַלטן, דעם יאָמער געהערט;
זיין קול האָט געוואָיעט אין פינצטערער נאַכט,
דאָס פערד האָט געיאָגט, די בייטש האָט געלאַכט...

איצט וויקלט זיך איבער די צייט אויף דאָס ניי,
דער האַקנקרייץ פלאַטערט אויף פאָנען אום פריי...
די האַק אין שוואונג נאָך ניט אָפּגעקילט,
אויף מענטשלעכע העלדזער זיך ווידער צעשפּילט...

דו האָסט מיינע טעג אין קעלער פאַרקלעמט,
און טויט גייט מיר נאָך דאָ אין דער פרעמד;
איך זע דיך אין פלאַם און אין פייער פאַרגיין,
אין בלוט אויסגעבאָדן... אָ היים מיינע, היים!

מיין היים „מאָנאַסטרישטש"

א.

מיט ווייפיל צער און זוניקע פעדים
איך בין צו דיר, מיין היים, געבונדן.
דיין ערד האָט געשאָנקען מיר: לעבן,
דיין הימל — מיין יוגנט געצונדן.

מיין היים — אין רויך פון פאַרטאָגן
ביים טייך האָט געקילט זיך מיין וויגל,
די פלאַמען צום הימל זיך שלאָגן,
דער טייך — אַ פלאַמיקער שפּיגל...

מיין היים — בלוי־אויגיקער ברונען,
די וועלט אין טיפן געשפּיגלט;
איך האָב געשעפּט קרוגן מיט זונען,
צעשמאָלצענעם גינגאָלד צעפּליגלט.

מיט קינדיש־שמחת־תורהדיקע פריידן,
מיט עפּל־פאָנען אין הענטלעך געהויבן,
מיט חסידישע טענץ פון מיין זיידן,
מיט באָרד און פּאָלעם צעפלויגן.

מיט בלעכן פון פרישע מאַלאַיען,
וואָס רויטלען זיך שענער פון זונען,
און ברויטן געוויקלט אין קלאַיען
מיט קימל געשמאַקע צום גומען...

מיין היים — מיט בעלפער־טרעגער,
אין חדר די קינדער זיי טראָגן;
וואָס שמעקן נאָך וואַרעם געלעגער,
מיט צייכנס אויף לייבער צעשלאָגן...

מיט סוחרים, זקנים, באָד־יונגען,
פרומע שייטלען, און בערדיקע אידן;
פּויערים אויף פערד מיט בייטשן צעשוואונגען,
מיט באָרוועסע פיס — און פּעלצן אויף יאַרידן...

מיין היים — מיט הינט און מיט יעגער,
מיט טייכן צעזונגען פון זשאַבעס,
מיט דעמבענע ריזן — בערדיקע טרעגער,
מיט שטריק אויף די לענד און מיט שקראַבעס...

בעטלער מיט פאַרקריפּלטע פינגער,
קאַטערינקעס זיי דרייען און דרייען;
אין יעדן רינשטאָק — א זינגער,
אין צער די טענער פאַרגייען...

מיין היים — מיט שטויביקע וועגן,
געקייטלטע הינט וואָס וואָיען;
ריטשקעס גלאַנצן אַנטקעגן
און חזירים דאָרטן זיך ראָיען...

מיט קלייטן פון נאַפטיקע פעסער,
געבויכטע מיט דאָיעט און אווער;
גראָף פּאָטאָצקיס פאַרצייטיקע שלעסער,
וואָס טראָגן פון יאָרן דעם זשאַווער...

מיט אָקסן און קעלבער אין שטאַלן,
חלפים אין שטומקייט פון אויגן;
די הערנער מיט ווילדוואַלד נאָך שאַלן,
מיט שטריק צום שעכטהויז געצויגן...

מיין היים — מיט מחנות ציגיינער בוידן,
ווארפן אַן שרעק אויף די שטראָזן;
אין פאַרבן צעפליטערטע מוידן,
ווי שפּינדלען אין טענץ צעלאָזן.

מיט רוישן פון וואַסער־מילן,
וואָס מאָלן די כוואַליעס פון דניעסטער,
מיין היים — מיט קלעזמער, וואָס שפּילן
מיט היימלאָזע קעץ אין אָרקעסטער...

מיט וואָגלער און נאַכטיקע פלאַגער,
וואָס צערן זיך אוים די גלידער
אויף אַן איינזאַמען פינצטערן לאַגער
און זינגען די הערלעכסטע לידער...

מיט ווייבער אין אטלעס און פליטער,
מיט שטערנטיכער אריבער די אויערן;
און ווייבער — מיט שווערע געמיטער,
איבער דייזשעס טייגן צעווירן...

מיט חופות אונטער די שטערן,
מיט ווייסע צעשראקענע כלות;
חתנים — באוואקסן ווי בערן,
עס טאנצן געפלאכטענע חלות.

באבעס מיט קוילעטשן פולע,
אין טאנץ חתן־כלה אנטקעגן;
עס שיפט זיך א רויטע לבנה
אין הימל־ים — א ליכטיקער זעגל...

מיין היים — מיט סעדער און פלוימען,
מיט אקאציע־ביימער און בליטן;
מיט שווארצע רויכן פון קוימענס,
און ווייסע אקאציעס צווויטן.

מיין היים — מיט פוכיקע שנייען,
וויים־געבעטע דעכער און כאטעס;
קימפעטארינס, וואס שרייען דורך ווייען,
און קינדער געוויקלט אין שמאטעס.

מיט אייזליכט, וואס הענגען פארפרוירן,
ווי צירונג אראפ פון די רינוועס;
מיט היילן פון שדים באשוואוירן
דורך צייטן פארוועבטע אין שפינוועבס.

מארק־זיצערינס אויף גאסיקע שטעלן,
מיט פייער־טעפ פון זשאריקע קוילן;
באבעצעס געפעלצטע אויף שוועלן,
דער־ציילן כמעלניצקיס גרוילן...

מיין היים — מיט קוזניעס אין פלאמען,
מיט האמערס צעקלונגען פון שמידער;
מיט וואסערטרעגער צעהוידלטע קאנען,
וואס מעסטן די גויט פון די שטיבער...

מיט לוויות, יללות, געוויינען,
מיט ערלעכסטע און לויטערסטע טרערן ;
קלאָג־מוטערס צעקלאָגטע אין איינעם,
און קללות — ניט געדאַכט זאָל עס ווערן !

מיט קלויסטערס און צערקוועס און גלעקער,
שיכורים, וואָס דרימלען אין שענקען ;
שניידער און שוסטער און בעקער —
צום ליכטיקן מאָרגן זיי בענקען !...

מיט מוידן באַצירטע אין קרעלן,
מיט פּראַלניקעס איבער די שטיינער ;
בלוט־וויינשל און רויטע מאַרעלן,
טריפן דורך שניי־ווייסע ציינער.

עס הילכט די ווייט מיט געלעכטער,
מיט וועש די געפּלאַכטענע קוישן ;
עס זינגען די אָרעמע טעכטער,
די לידער אין כוואַליעס פאַררוישן...

מיין היים — פאַר־מלחמהדיקע, שטילע,
מיט גאָלדענע בערג צוקאָפּנס ;
מיט ביימער צעוויקלטע קילע,
וואָס דעקן מיין שטאָט איין אין שאָטנס.

מיין היים — מיט וואַלד און מיט ברישטש,
וואָס פליען דורך אָפענע פענצטער ;
מיין היים — מיין שטאָט מאָנאַסטרישטש,
געליבטע היים — דו, מיין שענסטע.

איך זע דיין זונען־אויפגאַנג,
אין רויטע צעוויקלטע פלאַמען !
דו גייסט אויף אין מיר דורך געזאַנג,
ווי דאָס פּנים פון מיין מאַמען...

ב.

דו, וואָס האָסט מיך געבאָרן,
געשאָנקען די פרייד פון מיין וואקסן,
ווי, וואָס פון דיר איז געוואָרן —
געבויגן פון לייד דיינע אקסל...

דיינע דעכער צעלעכערט פון קוילן,
דיינע קעלערס פארשוואומען מיט וואסער ;
דיין לייב — צעשניטן אין גרוילן,
מיט בלוט באפלעקט דיינע גאסן...

דיינע ביימער אונטערגעזעגטע,
זיי סטאַרטשען אַרוים פון די וועלדער ;
מצבות מיט נעמען פאַרמעקטע,
מיט קברים פאַרזייט דיינע פעלדער.

דיינע זין מיט פּיס אָפּגעשניטן,
מיט אויסגעשאָסענע אויגן ;
קינדער אין זקנים פאַרביטן,
דיינע קינדער — ווי בלינדע שויבן...

ס'האָבן שרפות די ווענט אויפגעגעסן,
געלאָזן סקעלעטן פון ציגל ;
ס'האָט גאָט אין מיין היים פאַרגעסן,
דאָרט — וואו עס איז געשטאַנען מיין וויגל...

און ווער ס'האָט די קויל אויסגעמיטן,
האָט טיפוס פאַרזייט זיינע פלעקן ;
קינדישע וויגן פאַרביטן —
מיט בערגלעך ערד אויף די וועגן...

מיין היים — מיט נויט און מיט דלות,
מיט לייב און מיט לעבן צעשטערטן ;
מיט אַלטע פאַרזעסענע כלות,
וואָס חלומען אַ ווייטן באַשערטן...

מיין היים — אין ווייטיק צעשריגן,
בין געוואַקסן אויף דיינע געשרייען;
געזען דיינע קינדער אין וויגן,
מיט בייכלעך געשוואָלן אין ווייען...

וואָס איז שטאַרקער פון דונער און בליצן,
מעכטיקער פון ווילדסטן געוויטער?
ווען פייערן פון הימל שפּריצן
מיט פיילן פון באָמבעם געשפּליטער...

ניטאָ אזאַ וואָרט אויסצואוויינען,
ניטאָ אזאַ קללה אויף ליפּן,
ווען שפּילנדע קינדער אין איינעם
ליגן פון באָמבעם פאַרשניטן...

מיט גלעזערנע אויגן — פול וואונדער,
מיט איבערגעזעגטן געלעכטער;
עס וואַלגערן זיך אברים באַזונדער —
און זיגרייך פליט אום דער שעכטער...

אזוי ווי אַ קינד מיט אַ מאַמען,
אין טראַכט צוזאַמענגעבונדן,
האָב איך דאָך מיט דיר צוזאַמען,
געבלוטיקט פון דיינע וואונדן...

מיין ערד, ביסט געלעגן צעריבן —
אונטער די באָמבעם צעטראָטן;
האָב איך דיינע שטיינער געקליבן,
מיט זיי דיינע וואונדן פאַרשאָטן...

דו, וואָס האָסט מיך געבאָרן,
געשאָנקען די פרייד פון די שטערן,
ווי, וואָס פון דיר איז געוואָרן —
אַ טאָל פון מענטשלעכע טרערן...

דיינע טאָלן — קברים פון גרוילן,
דיינע צווייגן — פאַרדאַרטע מנורות,
דיינע ווענט — צעלעכערטע קוילן,
דיינע בערג — אָן עדות פאַר דורות!

אַ בריוו

(מיין מאַמען)

איך האָב היינט געקראָגן פון מיין מאַמען אַ בריוו,
דורך ווייטן ים — אויף דער מאַרקע אַ פּוילישע שיף.
מיט אותיות שוואַרצע אויף ווייסן פּאַפּיר,
האָט מיין מאַמע אַזוי געשריבן צו מיר:
דו זינגסט, לעבן מיינס, געזאַנג פון מיין בלוט,
איז אודאי דער מאַמען אַזוי וואויל, אַזוי גוט.
נאָר געהערט האָב איך, דו גלויבסט ניט אין גאָט,
און בענטשסט ניט קיין ליכט, ווי עס שטייט אין געבאָט...

איך געדענק די קעלער־שטוב אין מיין היים,
דער ווינט האָט געזייט דורך נאַכט זיין געוויין,
קאַנאָן האָט געברומט, ווי אַ וואָלף אין דער ווייט,
דער שבת־טיש מיט הונגער פאַרשפּרייט...
קאַרטאָפל מיט לעבער פאַר לייכטער געגרייט,
זיבן מאָגערע ליכט, מיט גאַליקן פלאַם,
טריפן די נויט פון וואַנען איך שטאַם...
דאָס ביינערן פּנים פון מיין מאַמעס געשטאַלט,
אירע יונגע הענט געראונצלט און אַלט,
ווי טרוקענע בלעטער אויף איר יאָמער־געזיכט,
דריי מאָל זי פאַרבעט צו איר פּנים די ליכט,
אַנטקעגן דעם שפּיגל מיט עלנט און פראָסט,
אַ וואַלד פון ליכט און די שויבן פאַרגלאָזט...

מאַמע, מיין מאַמע, איך בענטש ניט קיין ליכט,
נאָר ווען איך שרייב אַ פּשוט געדיכט,
אין קאַמף פאַר ברויט און פאַר ליכט,
בליצן אויף מיינע אויגן — צוויי שטראַליקע ליכט...
ווען דער פרימאָרגן גייט אויף אין דער פרי,
צו דער גאָלדענער זון איך צי זיך און צי,
מיט צוויי דאָרשטיקע הענט צום וועלטלעכן ליכט —
און איך זע דעם טאָג פון גרויסן געריכט,
פאַר רויבן פון מיין יונגנט דאָס ליכט...

מאַמע, עס קומט אָן, דער טאָג פון געריכט,
איך בענטש אים — ווי דו דיינע ליכט...

VIII

א פויגל פליט

דער הימל בלוי, א פויגל פליט, אין די פליגל פלאמען.
אפשר קומסטו, פויגל דו, פון די ווייטע ימען.

אפשר ביסטו דארט געוועזן אין מיין היים דער ווייטער,
און געזען אין מיטן שטאט ווי עס ברענט א שייטער.

ארום שייטער איינגעקנוילט דארט זיצן מיינע ברידער,
און מיין שטאט אין פלאמען ברענט שוין ווידער.

ביקס מיט ביקס, מויל צו מויל טוליען זיך צוזאמען,
יעדער זון פארנעמט אין זיך געוויין פון מיין מאמען.

מיט הענט פארבראכן לויפט זי אום דורך די לאנען,
און עס טראגט זיך איר געוויין דורך די ווייטע ימען.

אוי, פויגל, פלי, פלי אוועק, ברענג מיר גרוסן נייע,
עס ברומט נאך בלוט די זויגערין, די מלחמה־חיה.

אויף מיין מאמעס לייב ווייגען נאך די מלחמה־וואונדן,
מיט פייער־צונגען האט די נאכט זיך ווידער אנגעצונדן.

אוי, פויגל, פלי און ברענג א טרייסט צו מיין מאמען,
שטיל זי איין, דו פויגל מיין, דורך די ווייטע ימען...

טרויעריקע ווערטער

טרויעריקע ווערטער שרייב איך דיר היינט,
מיין ווייטער און עלנטער פריינט.

טרויעריקע ווערטער וואָס בענקען נאָך פרייד,
ווערטער — מיט פינצטערע וועלטן באַקליידט.

אין אונדזערע טעג קיין פרייד איז פאַראַן,
נאָר מענטשלעכער יאָמער אַזוי ווי דער ים.

מענטש האָט פאַרלוירן דאָס פּנים פון ליכט,
טרויער צעאַקערט אין יעדנס געזיכט...

און דו, מיין ווייטער און עלנטער פריינט,
וואָס זאָל איך דיר שרייבן? איך האָב ניט קיין פרייד.

אַ באַרג איז אַ באַרג. אַ בוים איז אַ בוים.
מיט טויט איז באַפליגלט דער ליכטיקער רוים.

מיט שרעק איז באַפליגלט דאָס וואָרט אין מיין האַלדז,
צווישן מענטשלעכע וועלף אין מלחמהדיקן וואַלד.

טויזנטער העלדזער, זיי שרייען פון ווייט,
עס שרייען נאָך העכער די וואונדן אויף לייב!

וואָס זאָל איך טאָן? די זון איז אַרויס,
באַגאָסן מיט ליכט דאָס פעלדיקע הויז.

מיין טעכטערל שלאָפט מיט אויגן פאַרמאַכט,
איר פּנים אין שלאָף ליכטיקט און לאַכט.

נעם איך דאָס ליכט פון דער זון — ווי אַ פעדער צו זיך,
און שרייב מיט ליכט, מיין פריינט, דיר אַ בריוו.

ניין — ניט זוניקע ווערטער שרייב איך דיר היינט,
דאָס בלוט פון דער וועלט דורך מיינע פינגער וויינט.

זיי געזונט, מיין ווייטער און עלנטער פריינט,
גענוג שוין די טרויעריקע ווערטער פאַר היינט.

שטילקייט

איך קאָן די שטילקייט פון ערב שטורעם,
די איינגעפרעסטע בליצן אינעם רוים;
די מצוהדיקע שטילקייט צווישן קברים,
די ציטער־שטילקייט פון יעדן בוים.

די שטילקייט פון הארבסטיקן ניט־ווערן,
דאָס רויטע ברענען אינעם וויאַנענדיקן צווייג —
איך קאָן די שטילקייט מיט אַלע חושים הערן,
ווי אַן אומגליק הענגט זי אין דער ווייט...

איך הער דורך שטילקייט דאָס וואָיען פון קאַנאָנען,
פאַרטויבט די רואיקייט פון שטילן פעלד;
דער מאַרש פון זעלנער אין מיליאָנען —
זיי טראָמפּלען איבער מיר פון גאָר דער וועלט.

איך שטיי אין פעלד, האַלט זיך צו די אויערן,
זיי לעבערן מיין ליִב דאָ אין דער שטיל;
פון אַלע ווינקלען מחנות שונאים לויערן,
מיט ביקסן און מיט וועלפּישן געבריל...

אוי, גאָט, דו האָסט דיין וועלט באַשאַפן,
אַזויפיל שיינקייט אין דיין גאָדל גרין;
פאַרשטיל אין מיר דעם גרויל פון וואָפן,
דעם מלאך־המותדיקן מאַרש פאַרשטיל!

איך קאָן די שטילקייט פון יסורים,
פון הארבסטיק גרין פאַרביקן געשפּיל;
נאָר די שטילקייט וואָס טליעט ווי אַ שטורעם,
וואָס שרייט אין מיר — אוי, גאָט, פאַרשטיל!

ריפּ-וואַן-ווינקל

גיב מיר דיין שלאָף, ריפּ־וואַן־ווינקל,
דיין כּישוף-שלאָף אין מיין צייט.
אוועקגיין אין בערגיקן ווינקל,
פאַרשלאָפן אין אייביקייט...

איך וועל זיך פאַרדעקן מיט בלעטער,
צוקאָפּנס אַ באַרגיקע פעל —
און אויפשטיין אין ליכטיקן שפּעטער,
זייז וועט דער מאָרגן שוין העל.

מיין דור מיט וואונדן פאַרוואונדעט,
געבוירן אויף שאַרף פון דער שווערד;
אין זעלבן פערטל יאָרהונדערט,
וואַשן מיט בלוט אונדזער ערד...

אוי, לאָז מיך אַנדרימלט היינט ווערן,
הינטער דיין כּישוף שטיין —
דעק מיך צו מיט אַ הימל פון שטערן,
פאַרשטיל אין מיר דאָס געוויין.

לאָז מיין מידן קאָפּ דאָרט ליגן,
און שליס די אויגן מיר צו;
טרינק אָן מיינע חושים מיט שוויגן,
לייז מיך אויס אין דער ליכטיקער שעה.

מיין פּנים מיט ערד און מיט גראָזן,
מיין גוף פאַרקנאָטן מיט ליים —
די צעפּ ווי ביימער צעלאָזן,
אַזוי וועל איך קערן אַהיים.

קריג וועט שוין מער ניט געדייען,
איך וועל ניט טראָגן די זינד און די שטראָף;
זאָלסטו מיך דעמאָלט באַפרייען
פון מיין פאַרכּישופטן שלאָף...

קדושים

„פיל אידן היגגעריכטעט אין נאַצי-פּוילן."
—פון די צייטונגגען, אָקטאָבער 26, 1939.

זיידעס מיינע, אַלטע זקנים, פרומע אידן
מיט גרויע בערד און מיט קאַפּאָטעס;
אין וועלדער פּוילישע מיט דלאָט און רידל
גראָבט איר קברים אייגנע אין בלאָטעס.

איר שעמט זיך ניט, און טוט אָן די טליתים,
און הילט זיך איין אין וויסן פאַרן שטאַרבן;
שטאַרקער פונעם טויט — אייערע מעשים,
דורות וועלן אייערע קדושים אַרבן.

היטלערס הענקער מיט טויט און באַיאָנעטן,
גרייט די אויגן אייערע צו פאַרשליסן;
איך הער די קולות אייערע בעטן,
זיי האָבן ים און הימלען אויפגעריסן.

ברודער מיינער, טאַטע מיינער, אַלטער זיידע,
וואו ביסטו, נס פון „יצחקס" וואונדער?
מען פירט אייך מאַסנווייז צו דער עקדה,
אויפן מזבח פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין גלות אויסגעשמידטע מיינע זיידעס,
באַרוואָס, פאַרוואָס, אַזויפיל פּיינען?
איך, אַן אייניקל, דאַרף זיין אַן עדות,
אין אַ וועלט פון גרויל מיט אייך אין איינעם.

ווי קאָן איך לעבן, ווי קאָן איך זינגען לידער?
ווי קאָן איך שווייגן, מען פירט אייך צו דער תליה —
אידן מיינע, זיידעס מיינע, פּליטים־ברידער,
ווי רייסט מען איין די וועלט אין קריעה!

ווי קאָנען וועלדער פּוילישע נאָך גרינען,
וואָס האָבן אייער גסיסה־רוף פאַרנומען?
עס וויינען דורך מיר אייערע אַלטע שטימען,
פון היטלער־מערדער אין וועלדער אומגעקומען.

אויף אַ שמאָלער סטעזשקע

(א. ליעסינען)

אויף אַ שמאָלער סטעזשקע האָט געשפּאַנט דער דיכטער,
אין אָוונט־רויט איז ער מיט זיין טאָכטער געגאַן;
זיין ווייסער קאָפּ מיט קלוגשאַפט פון אַ ווייזן ריכטער,
טראָט נאָך טראָט, און שפּאַן נאָך שפּאַן.

מיט זיין איינציקער — די הענט אַרומגענומען,
איר גוף געלענט אויף אים, אַזוי איז ער געגאַן;
איך האָב אַזויפיל ליבשאַפט אין זיין גאַנג פאַרנומען,
אַזויפיל טרויער און ווייזהייט אין זיין שטילן שפּאַן.

עס האָט די זון אַ פאַרב געטאָן זיין בלייכן פּנים,
עס האָבן בערג זיך שאָטנדיק צונויפגערוקט;
אויף אַ שמאָלער סטעזשקע מיט זיין קינד אַרומגענומען,
האָט געשפּאַנט דער דיכטער איינגעבוקט.

די טריט די שטילע האָבן איינגעזאַפּט די טויען,
דימענטדיק אויף דער גרינער ערד צעזייט;
עס האָט די זון אַ צינד געטאָן זיין קאָפּ דעם גרויען,
אין אָוונט־רויט זיי קיינמאָל ניט צעשיידט.

געבונדן צו איר מיט אַלע זיינע פעדים,
ווי זון מיט די שטראַלן צו דער ערד —
ער וועט גיין אַזוי געבויגן דורכן לעבן,
וויפיל עס איז אים לעבן נאָך באַשערט...

אויף דיין לײדיקן שטול

איך זיץ אויף דיין שטול, אברהם ליעסין —
וואו דו ביסט אין גאָלדענעם גרין דאָ געזעסן.

דיין שטול איז פון לײוונט, פון זון אָפּגעקראָכן;
איך זיץ אויף דיין שטול — די הענט פאַרבראָכן.

איך קוק אין דער ווייט — צו מיין היימלאַנד אריבער,
מיין היימלאַנד אין טרערן, אין ווייען שוין ווידער.

און דו ביסט ניטאָ מער — מיין היימלאַנד אַ קרבן —
וואָלסטו געלעבט, וואָלסטו צוויי מאָל געשטאָרבן.

האָסט געוויינטיקט, קיין נעכט ניט געשלאָפן,
פאַר אַלע קרבנות געטראָגן די שטראָפן...

פאַר אַלע מארטירער האָסטו געליטן;
אידישע צרות — דיין לעבן פאַרשניטן...

איך זיץ אויף דיין שטול — דיין יורש פון לידער;
און דאָרטן — באַמבעס צערייסן מענטשלעכע גלידער.

גוט איז דיר איצט אין דיין רו צווישן קברים,
ווי איז צו לעבן מלחמהדיקע יאָרן!

און צוזען די גזירות פון היטלערשע רויבער,
פאַרשניידן די מענטשהייט, ווי אַ העקער די ביימער...

אברהם ליעסין, דו דאַרפסט מער ניט הערן,
פון מאַמעס און קינדער די קולות פון טרערן!

אויף דיין פאַריתומטן שטול, וואָס איז דאָ פאַרבליבן,
האָב איך די בלוטיקע שורות פאַרשריבן.

קום צו מיר, שטילקייט

ווי קאָן איך זינגען היינט פון נאַכט און שטערן,
מיינע אויגן בינדן זיך אַנטשלאָפן ווערן.

מיין קאָפּ איז מיד פון וואַכיקייט און זאָרגן,
איך בעט זיך אויס צוקאָפּנס אַ לבנה פאַרן מאָרגן.

עס איז מיין קישן היים, פייער־פליגן גליען,
צינדן אָן די שוואַרצקייט פון דער נאַכט אין פליען.

איך מאַך די אויגן צו, עס זינגט די נאַכט מיט וואונדער,
די וועלט — אַ שטערן ראָד אַ רונדער.

די ביימער — שוואַרצע שאָטנס גיסן זיך צוזאַמען,
עס ברענען זייערע קעפּ מיט שוואַרצע פלאַמען.

***

קום צו מיר, שטילקייט, ברענג רו מיינע גלידער,
מיד בין איך, מיד, צו זינגען שוין לידער.

קום צו מיר, שטילקייט, ווי אַ געליבטער גענענען,
לעש אויס די שעהען וואָס ברענען.

קום צו מיר, שטילקייט, ווי אַ נאַכטיקער רעגן,
פאַרקלינג מיך, פאַרטרינק מיך, אויף אַנדערע וועגן.

דאָס הארץ פון לבנה — אַ צעבראָכענער שפּיגל,
פאַלט אַראָפּ, און פאַרגייט הינטער טונקעלן היגל...

די בערג אַרום מיר, פאַרקנוילטע אין שאָטן,
מיד בין איך, מיד, פון דאגות צעטראָטן.

קום צו מיר, שטילקייט, ווי דורך פלאַמיקע רינגען,
מיד בין איך, מיד, איך וויל מער ניט זינגען...

אַ בריוו צו די אידישע פּאָעטן

איך האָב קיינמאָל אייך קיין בריוולעך ניט געשריבן,
אידישע פּאָעטן אין סאָוועטן־לאַנד ;
עס האָט אַזויפיל יאָמער אין מיין האַרץ זיך אָנגעקליבן,
עס ציטערט מיר ביים שרייבן איצט די האַנט.

איר זייט די זינגער אינעם לאַנד פון די סאָוועטן,
איר זייט די זינגער פונעם וואַרשטאַט, פונעם שמיד ;
האָט איר געהערט אויך פון אידישע פּאָעטן,
וואָס זינגען אויך אין אַמעריקע זייער אידיש ליד.

כאָטש דורך גלויבן זיינען מיר געווען פאַרברידערט,
האָט דער קאַלטער ים אונדז אָפּגעפרעמדט ;
האָט איר מיט אונדז זיך קיינמאָל ניט פאַרגלידערט,
פון אונדזער וואָרט די בליקן אָפּגעווענדט...

איך טראָג אויף לייב נאָך די מלחמה־וואונדן,
איך בין אַליין אַ קינד פון קריג ;
מיט אַלע פעדים צו מיין היים געבונדן,
דאָרט — וואו עס איז פאַרברענט אויף אַש מיין וויג.

ווי אַ צווייג פון שטאַם, פון נאָענטע אָפּגעריסן,
דאָס לעבן האָט פאַרטראָגן מיך אין ווייט ;
עס גרוילט מיין לייב, עס ווערט מיין פאָלק פאַרשמיסן
אין דער בלוטיקער און גיהנומדיקער צייט.

אַלע גרענעצן פאַרשטעלטע מיט קאַנאָנען,
מיט אומקום שפּייט דער טויט און שניידט ;
עס טריפט דאָס בלוט פון אַלע פאָנען,
און מיין היים איז אויך מיט טויט פאַרזייט.

איך קאָן שוין מער דעם צער ניט איבערטראָגן,
איך בין ווי אויף וואַסערן אַ צעשטערטע שיף ;
אַרום מיר בייזע ווינטן קלאָגן —
פון מיין היים איך האָב מער ניט קיין בריוו...

יעדער טאָג גייט אויף מיט נייעם חורבן,
די זון פאַרגייט מיט בלוט פון גאָר דער וועלט ;
עס יאָמערט דורך מיר, אַ יעדער קרבן,
וואָס וואַלגערט זיך אויף גרענעצן אין פראָסט און קעלט...

האָט פּלוצלונג אויפגעטאָגט דאָ אייער נאָמען,
דורך ראַדיאָ צעקלינגט איר אייער אידיש ליד:
ברידער, מיר קומען באַפרייען אייך, מיר קומען!
אָפּשטעלן דעם טויט אין גאַנג פון שניט!

אין קאָשמאַר פון שטורעם־טעג און וועלטס־געוויטער,
וואו עס ווייכט פון מיינע אויגן אָפּ דער שלאָף,
האָבן אויפגעטרייסלט מיינע ווענט אין ציטער,
פון אידישע פּאָעטן אייער ווייטער רוף.

איך שרייב דעם בריוו אייך, אידישע פּאָעטן,
פון מיין היימשטאָט איך האָב קיין צייכן ניט;
ווען עס טראָגט אייער שטים זיך דורך נייע שטעט פון די סאָוועטן,
נעמט דעם גרוס אויך צו מיין מאַמען מיט!

אפשר האָט זי איצט קיין דאַך ניט וואו צום שלאָפן,
אפשר האָט זי ניט קיין וואַסער אָדער ברויט;
אפשר איז זי דאַכלאָז וואו אַנטלאָפן,
אפשר זיינען אַלע נאָענטע מיינע — טויט.

אפשר דאַרף זי טרייסט אויף אַלטע יאָרן,
הינטער טויט אין פּלאַם פאַרגייען אירע טעג;
פיר זין האָט איר טראַכט געבאָרן —
אפשר זיינען אַלע פיר אין קריג אוועק...

און אויב זיי זיינען אין מיין שטאָט פאַרבליבן,
דערפרייט מיין מאַמען מיט אייער אידיש ליד;
איך האָב צו אייך די שורות אָנגעשריבן,
נעמט די ווערטער צו מיין היימשטאָט מיט.

אייער ליד, וואָס רעדט צו די צעפּיינטע מענטשן
פון פרידן, ברודערשאַפט און ליכט,
וועלן אַלע מאַמעס אייערע ווערטער בענטשן,
ווי זיי בענטשן די שבתדיקע ליכט.

איך שרייב דעם בריוו צו אייך אין גראַמען,
מיין שטאָט פון היטלער־גרוילן אויסגעלייזט;
איך שיק אַ גרוס דורך אייך צו טאַטע־מאַמען,
ברענגט זיי ווי זין פון פאָלק אַ טרייסט...

IX

מזל-טוב

(ראָנאַלד לעווינעז)

אוי, אַ פרייד, אוי, אַ פרייד, אַ פרייד איז דאָ געוואָרן,
אויפן פעלד, אין מיטן טאָג — אַ קעלבעלע איז געבאָרן...

אַ קעלבעלע, מיט פלעקן־ווייס, און סאַמעטענע אויגן,
די מאַמע קו מיטן קאָפּ צום קעלבעלע געבויגן.

דאָס קעלבעלע אויף דער ערד צאַפּלט זיך אין ציטער,
די מאַמע לעקט און לעקט עס איבער אַלע גלידער...

מיט אַ צונג אַ וואַרעמער, וועקט זי עס פון דרימל —
שטיי אויף, דו נאַריש קעלבעלע — זע אַ בלויען הימל!

און דאָס קעלבעלע קייקלט זיך און קייקלט זיך אַריבער,
די מאַמע־קו קושט און קושט דעם קעלבעלע די גלידער...

יאָסל ברענגט אַ בינטל היי, דוד זאָלץ ברענגט צו טראָגן,
ראָנאַלד שלעפּט אַן עמער וואַסער — דאָס קעלבעלע צו באָדן...

אַ פרייד איז דאָ אויפן פעלד — שווער עס צו באַשרייבן —
פון אַלע ווינקלען הויבן זיך מענטשן אָן צו קלייבן...

מיט קליידער צעפלויגענע, לויפט מען אויפן וואונדער,
און עס דרייט דאָס גאַנצע פעלד זיך, רונד און רונד און רונדער...

דאָס קעלבעלע גיט אַ שטעל זיך אויף, אויף די פיס די שלאַנקע,
גיט אַ וויין אויפן קול, ווייזט די ציינדעלעך די בלאַנקע...

עס קוקט צו דער מאַמען מיט די סאַמעטענע אויגן,
און זוכט, און זוכט מיטן מויל: דאָס קעלבעלע וויל זויגן...

דאָרטן בליט אַ פאַשע־פעלד, שמעקט אים זיס צום גומען,
און אין פעלד וויגן זיך ווייס און בלויע בלומען...

די זון גיט אַ גאָס אויף אים אַן עמער פול מיט שטראַלן;
דאָס קעלבעלע איז צו דער מאַמעס ברוסטן צוגעפאַלן...

שיין איז דאָס פעלכל, עס שמעקט מיט פרישן קאָרן;
מזל־טוב אייך, קינדערלעך, אַ קעלבעלע איז געבאָרן!

ווייסע בולקעלעך

(די קינדער אין קיינעמסלאַנד אַ מתנה)

אין אַ קעלער־שטוב
מיט אַ פּאָס, מיט אַ קוואָרט,
האָט געוואוינט אַ זיידע
מיט אַ זילבערנער באָרד.

האָבן קינדער געבראַכט
אַ טאַרבעלע מעל,
די באָבע זאָל באַקן
בולקעלעך שנעל...

און אַ קליינינקע באָבע
מיט אייניקלעך אַ סך,
האָבן אַלע געלעבט
אונטער איין דאַך.

אַזוי ווי די הענער
פון רעגן נאַס —
האָבן קינדער שפּענער
געקליבן אין גאַס...

געוועזן איז דעמאָלט
קריג אויף דער וועלט.
די זון מיט אַ בלוטיקן
פּנים פאַרשטעלט.

האָט באָבע פאַרקנאַטן
דאָס טאַרבעלע מעל,
ווערט פינצטערער קעלער
ליכטיק און העל...

די אייניקלעך — דאַרע,
הויט און ביין;
דער הונגער געקנאַקט
האָט צווישן די ציין.

ווערן קויטיקע ווענט
ווייס, ווי באַמאָלט;
פינקלען אין שייבעלעך
פלעמעלעך גאָלד.

דער אויוון געוועזן
שוואַרץ ווי אַ גרוב,
עס האָט קיין פייער
געוואַרעמט די שטוב.

דער טויטער אויוון
האָט זיך צעברענט;
עס האָבן געפלאַקערט
די שאָטנס אויף ווענט.

די גאַסן באַדעקט
מיט שניי און מיט פראָסט...
האָבן קינדער נאָך מעל
זיך אויף גאַסן געלאָזט.

די באָבע, זי קנעט,
און עס נעמט ניט קיין סוף;
עס יערט און עס יערט —
דאָס טייג בערגלט אויף.

עס יערט, און עס יערט,
דער אויוון, ער קנאַקט —
בולקעלעך ווייסע,
די באָבע, זי באַקט.

די קופּערנע קוואַרט
מיט זוניקן גלאַנץ,
זי גייט פאַר נחת
אַליין אין אַ טאַנץ.

די קינדערלעך שטייען
אַרום אויוון באַנאַנד;
וואַרפן די בולקעלעך
פון האַנט צו האַנט.

עס איז שוין בייטאָג,
עס איז שוין פאַרנאַכט;
דער אויוון אָן אויפהער,
ער באַקט און ער באַקט.

עס ווערט אַ פרייד,
אַ טאַנץ, אַ געשריי;
ווייסע בולקעלעך,
צו פיר אין אַ ריי.

די בולקעלעך ווייסע,
זיי פליען אַרום,
אַזוי ווי אַ מעשה —
פון טונקעלן הויז...

צו צוויי, און צו פיר,
צו זעקס אין אַ ריי;
זיי פליען אַרום,
ווי קייקעלעך שניי.

קינדערלעך באָרוועס,
קינדער מיט טרער,
פון אַלע עקן —
זיי לויפן אַהער...

אויף שטולן, אויף בעטן,
דער דיל איז שוין פול;
ווי שניי־בערג זיי קלעפּן
און פאַלן אָן צאָל.

ווער ס'האָט ניט קיין היים,
ווער ס'האָט ניט קיין בעט,
זיי קומען אריין
און עסן צו זעט...

דער פּאַס פון געלעכטער,
וויגט זיך אַליין —
דאָס וואַסער פאַרוואַנדלט
און פינקלט ווי ווייַן.

די באָבע געוויטלט,
ביים אויוון זי שטייט;
זי באַקט, און זי באַקט
ביז די זון פאַרגייט...

גוט-מאָרגן

(חוהלען)

גוט־מאָרגן דיר, לעבן,
גוט־מאָרגן דיר, טאָג!
זע מיין פאַרמעגן,
וואָס איך פאַרמאָג.
ניט פון קיין אוצרות
ציילט זיך מיין האָב:
אַ קליינינקע טאָכטער,
וואָס איך פאַרמאָג.
עס בליט איצט דער פרילינג,
עס בליט איצט די ערד,
און איך בין דיין צווילינג
צום לעבן געקערט.
איך ציר זיך מער ניט
מיט בלום אין די צעפּ,
מיין צירונג — אַ בלום
פון מענטשלעך געוועב.

ראָז איז איר פּנים,
ראָז איז איר וויג.
דאָס בלוי פונעם הימל
שפּיגלט איר בליק.
איך זיץ ביי איר וויג
און ווער גאָר ניט מיד,
שעפּ פון איר ליכט
און זינג מיר אַ ליד.
גוט־מאָרגן דיר, לעבן,
גוט־מאָרגן דיר, בוים!
איך בין דאָס לעבן,
איך בין דער רוים.
די פייגל אין כאָר,
זיי זינגען אונדז מיט;
פון ליכטיקן לעבן
שאַלט אונדזער ליד.

די גענדזעלעך מיטן אינדיק

(ארנא קאזשדאן)

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג,
אין מיטן ברען פון זומער;
אין פעלד האָט אויסגעבראָכן
אַ גענדזענע מלחמה.

די מאַמע-גאַנדז מיט גענדזעלעך,
אין אַ גרויסער טשאַטע;
סאָפּענדיק און פרייכנדיק,
די פעדערן ווי וואַטע.

די גענדזעלעך גוגערדיק,
מיט פעדערן פאַרשנייטע;
מיט געלע זונען-שנאָבעלעך,
און פליגל אויסגעשפּרייטע.

יאָגט זיך נאָך גענדזעלעך,
אַן אינדיק אָנגעבלאָזן;
מיט אויפגעשטעלטע פעדערן,
דעם שירעם-עק צעלאָזן.

נעמט ער אַלע קערנדלעך
פון גענדזעלעך צו קלייבן;
די מאַמע-גאַנדז צאַרנדיק,
וויל אים שנעל פאַרטרייבן.

די גענדזעלעך צעטומלטע,
הויבן אָן צו קוואַקען;
הינטער מאַמעס פלאַטער-פליגל,
זיי טוליען זיך דערשראָקן.

דער אינדיק ווי אַ פעלדמאַרשאַל,
מיט אַ רויטן גוידער,
עפּנט אויף זיין פאַראַסאָל,
און הוידאַ! הוידאַ! הוידאַ!

מאַמע-גאַנדז ציט אויס איר האַלדז,
מיט זון באַגילדטע פליגל;
טאַנצן גענדזעלעך אַ טאַנץ,
ביים קלאָרן וואַסער-שפּיגל...

דיין שליטעלע

דיין שליטעלע פון בארג ער פליט,
מיין אָדלערל מיט הענט צעלאָזט;
און איך מיט דיר פון בארג פלי מיט,
בין צוריק אַ קינד פון פראָסט.

דו זיצסט פאָרוים און ציסט דעם שטריק,
איך טוליע זיך צו דיר, מיין קינד;
ווי אין לופטן אויף אַ זילבער־בריק,
מיר פליען ביידע קעגן ווינט.

איך זע אַ בארג אין מיין היים,
איך פלי אראָפּ צום טיפן טאָל;
דער שניי כראָמטשעט צוקער צווישן ציין —
דאָ אויף שניי קלינגט אָפּ מיין קול.

די ביימער אין ווייסן פליוש באַקליידט,
מיט דימענט־קאַמען אין די האָר;
מיט ווייסן צוקער האָט געשנייט,
און פארזיסט מיין ניינטן יאָר.

מיין אָדלערל, מיין קליינער זון,
איך בין צוריק אַ קינד פון פראָסט!
אין דיין גוף האַלט איך זיך אָן,
צו דער ווייטער ווייט אוועקגעלאָזט!

דאָס טײַכעלע

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט, א טייכעלע פליסט,
אין א בוימערשן ראָד מיט סאָסנעס געשפּיזט...

ווי א זילבערנע שיסל מיט זוניקן טוי,
שפּיגלט דאָס טייכעלע דעם הימל אָפּ בלוי...

זילבערנע רינגען שמידט אויס דער טייך,
פאר אלעמען גלייך, פאר אלעמען גלייך...

ווי געשליפענע דימענטן די שטיינדעלעך קליין,
פינקלען מיט זון — ביז זון דארף פארגיין.

אהין קומען אָרעמע קינדער צו גיין,
זיך באָדן און שווימען אין טייכעלע קליין.

דורך זוניקע רייפן דאָס טייכעלע טאנצט,
קינדערשע הענטלעך ארום אקסל געקראנצט...

זיינען די אקסל פון זונען צעברוינט,
דאָס טייכעלע לאכט, דאָס טייכעלע שוימט...

אין טייכעלע טיף, אין די גרונטן אראָפּ,
שפּיגלען זיך ליבע קינדערלעך אָפּ.

פיסלעך צו פיסלעך, קעפּלעך צו קעפּ,
שטייגן זיי אויף אויף קרישטאלענע טרעפּ.

קומט דער פארנאכט מיט א פלאמיקער פאָן,
צינדט זיך מיט רויט דאָס טייכעלע אָן.

די לבנה שווימט אין א זילבערנער וויג,
לבנהדיק לאכט דאָס טייכל צוריק...

דער שיך-פּוצער

אינגעלע, אינגעלע, אינגעלע קליין,
וואָס פינקלט אין דיינע אויגן געוויין?

דיין פּנימל אַלט, די הויט איז בלאַס,
דו קוקסט אוים צו זיין אַ קינד פון דער גאַס...

אַ בערשטל אין האַנט, אַ קעסטעלע קליין,
און דו רופסט, און דו רופסט: „אַ ניקל אַ שיין!"

אַ זע, די גאַס מיט מענטשן פאַרשטעלט,
מיט זון און מיט גלאַנץ רעגנט די וועלט...

אַ זע דעם פּאַראַד, אַ קוק אויפן ריז,
ווי עס באַמבלען זיך זיינע גומענע פיס!...

אַ זע, ווי ער שוועבט איבער מענטשלעכע קעפּ,
זיין גוף אין זילבערנע דראָטן פאַרוועבט...

אַ קוק ווי עס פאָרט אַ שטיבל מיט שניי,
אַ רויטער קוימען און אַ האָן אין געקריי...

אַ זקן אַ װײַסער בעזימט זיין באָרד,
צום שנייאיקן ווינטער דער זקן ער פאָרט...

אַ אינגעלע קליינער, קוק צו דער הויך,
ווי עס לאַכט ביים גולם דער גומענער בויך...

נאָר דאָס אינגעלע זעט ניט דעם גאַסן-פּאַראַד,
זיין פּנימל געל ווי אַ האַרבסטיקער בלאַט...

ער הערט ניט דאָס פייפן פון גומענעם ריז,
ער קוקט נאָר אַראָפּ, און ציילט נאָר די פיס...

ער ציילט נאָר די שיך פון אייליקע טריט,
וואָס לויפן פאַרביי און זעען אים ניט...

דאָס סאָסנעלע

אין אַ וואַלד צווישן סאָסנעס גרינע
איז געוואַקסן אַ סאָסנעלע אַ דינע.

מיט סאַמעטענע שפּילקעס, שאַרפע שפּיזן,
אין אַ סאָסנע־ראָד — צווישן ביימער ריזן...

געשמעקט מיט זאַפטן, שיכורע געטראַנקען,
געצויגן זיך צו זון, מיט איר גוף דעם שלאַנקן...

און אין ווינטער, ווי אַ ווייסע נאָנע,
האָט זי אָנגעטאָן אַ שנייאיקע קימאָנע...

זיינען איינמאָל העקער אָנגעקומען,
דער וואַלד האָט ציטערן גענומען...

קעגן שאַרף פון העק קאָנען ביימער זיך ניט ווערן —
סיי ווי סיי ווערט מען זייער יאָמערן ניט הערן...

הילכן העק, ווייטן שאַלן,
צו דער ערד סאָסנע־ביימער פאַלן.

האַקט מען אויס דאָס סאָסנעלע, מען לייגט עס אויפן וואָגן.
אין אַ רייכער הויז ברענגט מען זי צו טראָגן.

מען הענגט איר אָן גלעקעלעך, לעמפּעלעך, קאָלירן,
מיט עפּלעך און שאָקאָלאַד נעמט מען זי באַצירן...

מיט סטענגעס גאָלדענע, און זילבערנע פּאַפּירן,
בינדט מען אירע נאָדלען, איר גרינקייט צו באַצירן...

ווי אַ כּלה פאַר אַ חתונה אין גאָלד און זילבער,
טאַנצן קינדער אין אַ ראָד ווילד און ווילדער...

זי שטייט אויף פרעמדע פיס, און וויל ניט שטאַרבן,
זי לויכט אַזוי ווי אַ רעגנבויגן אין זיינע פאַרבן...

הינטער ברענענדיקע ליכט, הויבט איר גוף אָן פרירן,
זי וויל אַוועק צוריק אין וואַלד, און קאָן זיך פון אָרט ניט רירן.

קינדער רייסן אַראָפּ דאָס גאָלד, די ליכטעלעך די רויטע,
זי ווערט זיך ניט, זי שטייט אין מיטן זאָל אַ טויטע...

ווען דער יום־טוב לעשט זיך אויס, דער ליאַרעם ווערט אַנטשוויגן,
וואַרפט מען זי אין גאַס אַרויס, אַרונטער פון די שטיגן...

זי ליגט אין קאַלטער נאַכט — אַ נאַקעטע פאַרשעמט,
וואָלט כאָטש דער שניי איר אָנגעטאָן אַ ווייסע העמד...

אירע נאָדלען שוואַרץ ווי קויל, די הויט שוין טרוקן,
ווער עס גייט פאַרביי, וויל מער אויף איר ניט קוקן...

זי האָט געקאָנט נאָך וואַקסן, זי האָט געקאָנט נאָך בליען,
זיין אַ קינד פון וואַלד, און צו דער זון זיך ציען!

עמוס

(אין אָנדענק עמוס גורעלמאַן)

ווער האָט פאַרלאָשן די זון פונעם טאָג ?
פון אַלעמענס מיילער א ווילדער געקלאָג.

פון אַלעמענס אויגן א ווילדער געוואַי —
ווער האָט פאַרלאָשן דיינע אייגעלעך בלוי ?

איך האָב דיך געקאָנט פון געבוירן־טאָג אָן,
זיך געשפיגלט אין דיר — ווי אין אַן אייגענעם זון.

בלויער פון הימל האָט געלויכטן דיין בליק,
געהיט דיך אין פאַרק אין שלאָף ביי דיין וויג.

דיין מאַמע געחלומט — ווי עמוס דער העלד,
וועסטו באַפרייען די היינטיקע וועלט.

היינט, ווי אַלע טעג נאָכאַנאַנד,
ביסטו פון קלאַס ארוים מיט די ביכער אין האַנט.

מיט די ביכער זאָרגלאָז געגאַנגען פון סקול,
האָבן גומענע רעדער צעריבן דיין קול.

דיין גוף איז געפאַלן — דיין פנים פאַרקרימט,
די צעוואָרפענע בלעטער האָט געבלעטערט דער ווינט.

דיין לעבן פאַרלאָשן — פאַר וועלכע שטראָף ?
מיט מיינע טרערן פאַרוויג איך דיין אייביקן שלאָף.

וויג-לידער

אזוי ווי דער ווינט פֿאַרוויגט די זאַנגען,
און וויגט, און וויגט זיי איין;
אזוי ווי די זון וויגט דעם פֿאַרנאַכט אין קלאַנגען,
אין גאָלד פֿון איר ווײַן —
אזוי דו, מײַן יונג לעבן,
שלאָף איין, שלאָף איין.

אזוי ווי דער ים פֿאַרוויגט די כוואַליעס
אין בעכערס גאָלדענעם ווײַן,
און ווי עס וויגן זיך רויטינקע מאַלינעס
אין גרינינקע וויגן אַרײַן —
זינג איך דיר, מײַן יונג לעבן,
שלאָף איין, שלאָף איין.

אזוי ווי אַ מאַמע וואַכט בײַ אַ וויגל
און היט איר ליכטיק געבײַן,
וועט קומען די זון מיט אַ גאָלדענעם שפּיגל
און אַ קריגעלע זונען-שײַן —
אזוי וועסטו לאַכן, יונג לעבן,
שלאָף איין, שלאָף איין.

ווען דו וועסט אויפֿשטיין מיט קלאָרע אויגן,
אַ ליכטיק וועט דעמאָלט שוין זײַן;
בײַם וויג וועט שטיין איבער דיר געבויגן
דאָס ווײַסינקע ציגעלע אַליין.
אוי, גוט וועט אונדז זײַן, מײַן לעבן,
שלאָף איין, שלאָף איין.

***

איך זיץ בײַ דײַן וויגל געבויגן
און היט ווי דו אָטעמסט אין שלאָף...
דיר געשאָנקען דאָס ליכט פֿון די אויגן,
דיר געשאָנקען דאָס ווײַס פֿון מײַן גוף.

די וועלט איז אין קייטן געקאָוועט,
עס רײַסט זיך דער מענטש צו דער פֿרײַ —
איך האָב, קינד מײַנס, מײַן יוגנט געבאָוועט
אונטער אַ הימל מיט באָמבעס און בלײַ.

פאַר דיר, אַ וועלט איך וועל בויען,
אַ ליכטיקע וועלט פון פרייד.
זיין זאָלסטו צווישן פרויען —
זיין זאָלסטו אויסדערוויילט.

פאַרנעם, מיין קינד, אין דיין חלום,
פאַרנעם מיינע טרערן אין שלאָף;
פאַר דיר אַ וועלט פון שלום,
פרעפל איך איצט אין מיין שפרוך...

מיין קינד

(מיין יאָסעלע)

מיין קינד, דו גרייכסט שוין ביז מיין אַקסל,
און שיין ביסטו מיין זון, מיין קליינער;
אַט באַלד וועסטו מיך איבערוואַקסן,
ווי אַ טאָפּאָל אַ ליכטיקער אַ שיינער...

דו זאָגסט: די וועלט איז קיילעכדיק ווי אַ „רעקאָרד״?
פון ווייטע לענדער הערסטו יענע קינדער זינגען;
ווי פון אַ טיפן וואַלד אַ רופנדיקער עכאָ,
הער איך מיין שטים דורך דיר אָפּקלינגען...

דו זאָגסט: וואָלקנס פליען אום ווי עראָפּלאַנען,
איבער דער וועלט אין אַ געוועט זיך טראָגן;
דו הערסט דאָס ליד פון די ווייטסטע ימען,
די זון פאָרט אום אין אַ גאָלדענעם וואָגן...

נים לאַנג בין איך אַזוי ווי דו געשטאַנען,
הימל איז דאַן אויך אַזוי ווי היינט געווען;
האָב איך, ווי דו, געפרעגט מיין מאַמען,
און אין אַ טראָפּן טוי אַ ים געזען...

מיין קינד. דו גרייכסט שוין ביז מיין אַקסל,
און שיין ביסטו, מיין זון מיין קליינער;
געזונט זאָלסטו זיין ביי מיר, און וואַקסן,
און מיר זאָל זיין פאַר דיינע ביינער...

פֿאָרט אַ אינגעלע

פֿאָרט אַ אינגעלע,
פֿאָרט אַ אינגעלע,
מיט אַ וואָגן, מיט אַ פֿערד.
פֿליען פֿעלדער, שווימט די ערד,
פֿאָרט אַ אינגעלע מיטן באַן,
קיין בירא, בירא־בידזשאַן.

פֿאָרט אַ אינגעלע,
פֿאָרט אַ אינגעלע,
זיצט ער אויף אַ גרויסן פּאַק,
און אַ בולקע עסט געשמאַק.
פֿאָרט אַ אינגעלע מיטן באַן,
קיין בירא, בירא־בידזשאַן...

פֿייפֿט אַ פֿייפֿעלע,
פֿייפֿט אַ פֿייפֿעלע,
פֿו, פֿו, פֿו, פֿו, פֿו, פֿו,
שלעפּט די באַן זיך שעה נאָך שעה,
ציילט ער שעהען אויפֿן באַן,
קיין בירא, בירא־בידזשאַן...

פֿליט אַ רויכעלע,
פֿליט אַ רויכעלע,
זאָגט אָן, זאָגט אָן — זיי זיינען דאָ,
אין אַ גוטער, גוטער שעה.
און דאָס אינגעלע אויפֿגעהעלט,
האָט דערזען אַ נייע וועלט...

לויפֿט אַ טייכעלע,
ליגט אַ פֿעלדעלע,
איז דאָס פֿעלדעלע ערשט פֿאַרזייט,
און דאָס טייכעלע אויסגעשפּרייט.
לאַכט אין טייכעלע, לאַכט די פֿרייד,
גייט אַ אינגעלע, גייט און גייט...

שטייט אַ שטיבעלע,
מיט אַ אידעלע,
און דאָס אידעלע אויפן דאַך:
קלאַפּט די נעגל — טראַך, טראַך, טראַך!
העלפט דאָס אינגעלע צו מיט מוט,
זאָגן אידן: איי, ס׳איז גוט!

זעט אַ אינגעלע,
זעט אַ אינגעלע,
ווי מען האַקט געהילץ אין וואַלד,
שרייען העק: נאַ געוואַלט!
און עס הילכט די ווייטע ווייט,
ענטפערט אינגעלע: שטענדיק גרייט!

הערט אַ אינגעלע,
הערט אַ אינגעלע,
פון בינעלעך אַ ווילד געזשום;
זיי פליען אום פון בלום צו בלום,
טרינקען אַזאַ גאָלד־געטראַנק,
און צעפּידלען אַ געזאַנג...

קוקט אַ אינגעלע,
קוקט אַ אינגעלע,
שפּיצן בערג מיט קעפּ געגאָלט,
צעשמעלצן שניי פון זונען־גאָלד;
אויבן שניי, און אונטן צוויט,
און דאָס אינגעלע פרייט זיך מיט...

טאַנצט אַ אינגעלע,
טאַנצט אַ אינגעלע,
טאַנצן שעפסן אויפן פעלד,
פרייט זיך מיט די גאַנצע וועלט.
פרייט זיך אינגעלע — ס׳איז פאַראַן —
אַ בירא — בירא — בירזשאַן!

צום ערשטן מאַי

I

לבנה צוקאַפּנס, עס צאַנקען די שטערן;
שטיי אויף מיין קינד, טאָג וועט ווערן!

די שטערן זיינען ווי קינדער אַנטלאָפן,
באַלד וועט די זון אויפשטיין פון שלאָפן.

דיין פענצטער טאָגט שוין מיט גאָלדענע שפּיגלען,
די זון קומט אַראָפּ אויף פייעריקע פליגלען...

אין גאַסן מען שפּילט אויף פויקן, טרומייטן;
מענטשן מיט פאָנען, און קינדער מיט פלייטן.

זון, מיין זון, לאָמיר גיין היינט צוזאַמען,
אויף ליכטיקע גאַסן — זון מיט זיין מאַמען.

II

ניין, מיין זון, איך וועל דיך ניט אָפּגעבן
דעם קאַנאָנען־מויל, דעם שאַרף פון שווערד;
זיי לויערן ווי די טיגער אויף דיין יונגן לעבן,
מיט דיין גוף אָנשטאָפּן די הונגעריקע ערד...

איך האָב געבאָרן דיך, שענער מאַכן אונדזער לעבן,
זיין זאָלסטו אַ צירונג פון מיין שטאַם;
ניין, מיין זון — איך וועל דיך ניט אָפּגעבן
ווי צו דער שחיטה אַ יונגן לאַם...

דיינע אויגן — צוויי בלויע ימען;
דיינע האָר צעשפּילט אין פרייען ווינט;
אַזוי פיל שיינקייט אין אונדזער וועלט פאַראַנען,
עס וואַרטן צייטן הערלעכע פאַר דיר, מיין קינד...

ניין, מיין זון, איך וועל דיך ניט אָפּגעבן.
מיט די ציין דיך האַלטן ביי מיין זייט —
דו ביסט געבאָרן לעבן פאַרן לעבן —
זיין די פאָן פון אונדזער נייער צייט...

זיבן שוועסטערלעך

זיבן שוועסטערלעך ארומגענומען,
פון איין שטאָם — זיבן בלומען.

זיבן שוועסטערלעך פון איין מאַמען,
איין הארץ שלאָגט אין זיי צוזאַמען.

זיבן קעפּלעך ציען זיך צו זונען,
נאָר די ליפּלעך זייערע שטומען...

קומט אַ ווינט, וויל איינע איבעררײדן,
ניין — ער קאָן זיי ניט צעשיידן...

זי קלאַמערט זיך מיט אַלע פעדים,
צו די שוועסטערלעך דערנעבן...

זיי וואַקסן פון דער ערד געבונדן,
מיט זון די קעפּלעך אָנגעצונדן...

זיי גליִען אינעם טאָג ווי פלאַמען,
פון איין שטאַם זיי אַלע שטאַמען...

האָט אַ בין צו זיי זיך צוגעבויגן,
נעטרונקען טוי פון זייערע אויגן...

אַ פויגל אויף אַ בוים צעזונגען,
זיין ליד פאַר זייער טאַנץ צעקלונגען...

פאַלט אַראָפּ אין שלאַקס אַ רעגן,
און וויל צעטיילן זייערע וועגן.

זיבן קעפּלעך וויגן זיך אין פרײדן,
קיינער קאָן זיי ניט צעשיידן...

הויבט איינע אָן אין הארבסט צו דאַרבן,
מוזן אַלע זעקס אויך שטאַרבן...

קומט אָן דער פרילינג, ערד נעמט בליִען —
זיבן שוועסטערלעך צו דער זון זיך ציִען!

X

פרילינג

(אהרנען)

די זון לאַכט פון פייער־פּאַן
און איך שפּאַן מיט דיר, און שפּאַן...

קעמלען־בערג אין פעלדזן־שיך,
טראָגן האַרביק וועלט אויף זיך.

הימל פליצט ווי בלויער ים,
די זון באַגילדט מיט פייער־פלאַם...

דיין קאָפּ שמעקט מיט סאָסנע־בוים,
דיין נאַקעט האַרץ באַזונט און ברוין.

דורך די אויגן מיינע בלוי —
לאַכט דער בעז מיט פייכטן טוי...

מיינע צעפּ צעבייטשט פון ווינט,
פעדים זון אין זיי פאַרשפּינט.

כ׳האָב שיר פאַרגעסן רוים און צייט,
אין מינוט פון פרייד און לייב...

איך בין זון, איך בין פלאַם,
איך האָב דיך ליב מיט לייב, דו מאַן!

שיכור איז דער בוים פון צווייט,
יעדער קנאָספּ צו זון זיך ציט.

אַלץ פרילינגט אינעם רוים,
גראָז צו גראָז, בוים צו בוים...

בינען פלאַטערן אין געזשום,
ברענגען אונדז אַ טרונק פון בלום...

איך ווייס עס איז ניט איצט די צייט,
צו באַזינגען פרייד פון לייב.

ווען שטורעמס צייטיקן אין לויף
און ס׳קאַרטשעט זיך די וועלט צונויף...

וואָס זאָל איך טאָן? איך בין אַ פרוי,
און ליב האָב איך די זון אַזוי...

זון-אויפגאַנג

ניט פידלען און קלאַרנעטן,
ניט צימבלען און האַרפן־געזאַנג —
פויגלען אין בוימערשע בעטן
זינגען צום זון־אויפגאַנג...

ניט טשעלאָס און פייפיאַלן
זינגען צום רויטן באַגין —
בערג מיט טייכן און טאָלן
און פעלדער מיט זאַנגען בורשטין...

ניט גלעקער אין הויכן צעקלונגען,
ניט קוימענס רויכיק צעברילט —
ביימער מיט פויגלען צעזונגען,
הימל אין פאַרבן צעשפּילט...

אַ באַרג מיט טוי אָנגעלאָדן,
אַ וואַסערפאַל — שוימיקער וויין;
אַ פעלד געשניטן ווי פלאָדן,
אַ טייך מיט זונען־שיין...

און איך מיט דיר צוזאַמען
בין אין כאָר דאָס געזאַנג,
פון פעלדער, טייכן און שטאַמען
מיט רויטן זונען-אויפגאַנג...

די שטילקייט זינגט

די שטילקייט זינגט מיט טויזנט לידער,
מיט פייגל זינגט א יעדער בוים.
איך טראָג דיין ליבשאפט אין אלע גלידער,
איך בין פול מיט דיר —
ווי מיט ליכט דער בלויער רוים.

די זאנגען זינגען מיט רויש פון ווינטן
און ציען זיך צום ווינטס באריר,
אין נעפלעכט זייערע הענט זיך בינדן
און כישופן אין טאנץ —
און איך בענק אזוי נאָך דיר.

די פלאטערלינגען זויגן זאפט פון בלומען
און טאנצן פריידיק פון בלאט צו בלאט.
זאָלן בינען אין די מחנות קומען,
האָניק טרינקען פון די בלומען,
טרינקען צו דער זאט.

ווי געשניטן ווייץ שנייד איך מיינע לידער
און בינד זיי סנאָפעסווייז פאר דיר —
מיט זון און ליכט זינגען מיינע גלידער,
די שטילקייט זינגט מיט טויזנט לידער —
און איך בענק אזוי נאָך דיר.

לייב און שטערן

איך בין געלעגן אויפן פעלד אזוי־אָ נאַזנדיק,
די נאַכט האָט איבער אונדז געטריפט האָניקדיק.

איך בין גרינג געווען, ווי אַ פּאַווע־פּעדער,
און דו האָסט געשמעקט מיט ריח פון צעדער...

אַ פויגל אין דער נאַכט האָט זיין האַלדז געריסן,
איך האָב מיין מויל אין דיינעם איינגעביסן...

אָ, וועק מיך ניט, איך בין אַ פליענדיקער שטערן,
אין פאַל אזוי, אין דיר פאַרברענט צו ווערן...

מיינע אויגן נעפּלען, איך הער געזאַנגען,
דו ביסט אַן אָדלער — איך אין דיר געפאַנגען...

ווי אַ שנייד־זעג וואָס שניידט דעם בוים אין שטיקער,
אזוי אין ווירבל־ווינט בין איך מיט דיר שיכור.

ערגעץ האָסטו מיך אַפּגעלאָזט אין פליען,
איך האָב געעפנט מיינע אויגן — שטערן גליען...

דורכגעשטאָכן מיינע גלידער האָבן רויטע שטערן,
איך האָב געלאַכט צו דיר, דורך אויגן טרערן...

איך האָב געהערט דיין האַרץ ווי אַ טייכל שלאָגן,
ביז דער נייער טאָג האָט גענומען טאָגן...

זון

איך האָב אַנטפּלעקט זיך פאַרן הימל בלויען —
איך בין די נאַקעטסטע פרוי פון אַלע פרויען.

דער הייסער זון איך גיב זיך איצט איבער,
זאָל זי קושן מיינע גלידער!

מיין גוף אַנטפּלעקט פאַרן בלויען הימל —
זיך אויפגעבונדן ווי דאָס בלויע בלימל...

ביימער און קוסטעס פאַרהאַלטן דעם אָטעם,
זיי ווינקען זיך איבער געבויגן אין שאָטן...

עס פידלען די פייגל דורך גרינלעכע צווייגן,
און זינגען צו זון געזאַנג פונעם שווייגן...

דורך רוישיקע קוסטעס מיט צייטיקע קערנער,
ברעכן זיך קי דורך, מיט צווייגיקע הערנער...

זיי וויגן זיך שווער מיט ברוסטיקע אייטערס,
און גאַפן בהמיש, און גייען זיך ווייטער...

איך בין לייב און ביין מיט ערד פאַרשפּונען,
ווי א ריף פון וואלד ארויסגענומען...

ביימער האָבן זיך צו מיר געצויגן,
מיט גרינע אומזיכטבאַרע אויגן...

איך גיב דער הייסער זון זיך איבער —
זאָל זי קושן מיינע גלידער!

אין פעלד

דו ביסט הויך ווי א זשיראַף — דיין האַלדז אויסגעצויגן,
איך זע דיך א ווייטן דורך האַלב־פאַרמאַכטע אויגן...

איך געדענק דעם טאָג: א פעלד, זאַנגען, בלומען,
דיין נאַקעט האַרץ צעברוינט פון זונען...

אין מיטן פעלד ביסטו געשטאַנען,
אין גרינעם פליוש צעבליטע לאַנען...

צו דיין גאַרטל האָבן הויך געבליט די זאַנגען;
אָט וועסטו הימל־דאַך מיט דיין קאָפּ דערלאַנגען...

מיט רייפן זומער דיביימער פול באַלאָדן —
ווי א פעלדז אין פלאַם — דיין קאָפּ אין זון געבאָדן...

איך האָב פאַרשעמט מיין באָרוועסקייט באַהאַלטן:
די פיס די נאַקעטע, אינעם קלייד פון פאַלדן...

איך האָב אַרויסגעטראָגן פרישע מילך מיט פּאַרע,
פון דער מאַמע־קו די מילך געשמעקט האָט וואַרעם...

דו האָסט א זשליאָק געטאָן די מילך אין גאַנצן,
אַזש דער קנאָפּ פון גאָרגל האָט גענומען טאַנצן...

א וויש געטאָן דאָס מויל מיט א האַנט א ברוינער,
צו די בערג דיין קאָפּ, צו די קרוינען פון די ביימער...

ווען ביסט ווייטער מיטן ברייטן וועג געגאַנגען,
האָבן זיך צו דיר געבוקט די זאַנגען...

ביים הימל האָט א רויטע באַק גענומען פלאַמען,
ווי דו וואָלסט א פּאַטש געטאָן, און אַוועק פון דאַנען...

פריי ווי ווינט האָסטו צו זיך אַליין געזונגען —
פון ווייטן האָבן דיינע טריט צוריקגעקלונגען...

ווי דער פעניקס

איך גיי אויף מיט דיר, ווי די נאַכט מיט שטערן;
איך רוף צו דיר, דו קאָנסט מיך ניט דערהערן...

איך בין פול מיט דיר, ווי די ערד מיט יאָרן;
ביסט אייביק דאָ, אין דער אייביקייט פאַרלאָרן...

פאַראַן אַ לעגענדע: פון אַ פויגל, וואָס וויל ניט שטאַרבן;
אַזוי ווי ער, וואָס לעבט אייביק, וועל איך דיך אַרבן...

אַזוי ווי ער, וואָס עסט זיך איין אין צייט מיט קאַרבן,
פלעכט אַריין אין יאָרן בונטע פאַרבן...

ווער עס קומט פון ווייטע לענדער, האָט אים וואו געפונען;
אויף אַ בלויען פעלדז האָט ער זיין ליד געשפונען...

ווערט אַלט טויזנט יאָר, אין שאָטן שוין פאַרלאָרן;
גייט ער אויף פון אייגן אַש — ניי געבאָרן...

ווי די שטילקייט וואָס שוועבט איבער אַ ברונען,
האָב איך דעם רויש פון זיינע פליגל פאַרנומען...

דיין געשטאַלט אין מיין ליד געשפונען,
אין דיין פאַרלאָרנקייט — דיך צוריק געפונען...

ווי יפתח...

איך בין היינט געגאַנגען דיר אַנטקעגן,
אָן אויסגעפוצטע אין מיין שענסטן קלייד.
ביסטו ווי יפתח געקומען מיר אַנטקעגן,
מיט ליפן פאַרשלאָסענע אָן רייד...

ווי פאַרצייטן יפתחס טאָכטער איז געגאַנגען
באַגעגענען דעם חיל פונעם קריג,
בין איך געגאַנגען דיך באַגעגענען מיט געזאַנגען,
ניט געוואוסט — איך בין אַ קרבן פון דיין זיג.

ווי טויזנט פייקלעך אויף די וועגן,
האָט מיין האַרץ געקלאַפט אין אָונט־רויט.
איך בין מיט פרייד געגאַנגען דיר אַנטקעגן:
ניט געוואוסט — דו האָסט פאַרמשפּט מיך צום טויט.

מרים פון נאַזאַרעט

איך האָב דיך היינט אין שלאָף דערזען
א זוניקע — „מרים פון נאַזערעט".
מיט פלאַמען אין די האָר,
מיט ליִב מיט צייטיקן
ביים סטאָליערס בעט
אין בלויען קאַיאָר.

דעם סטאָליערס שטוב געשמעקט
מיט וואלד און צעדער
און מיט שלאָף.
דו, מרים, האָסט געוועקט
זיין יעדן אבר
מיט דיין גוף.

דו, מרים, האָסט אין יענעם אין דער פרי
פאַרשאָלטן יעדע פרוי,
מיט דיין דורשטיק ליִב
דו האָסט געשמעקט ווי עפּל־בלי,
צו זיין ווילן גרייט.

ווען עס טוט מיין ליִב מיר ווי
פון צופיל גלוסטונג, פון צופיל פרייד,
פון טראָגן דיין נענוס אין מיין ליִב —
וועקן מיך דיינע רייד
מיט טרויער און געשפּעט —
יעדעס ווייב איז א „מרים פון נאַזערעט"...

מוטערשאַפט

דו האָסט פאַרשאָרן מיינע צעפּ,
אויסגעטאָן מיך פון מיין לאַנגן שלעפּ —
אויסגעביטן מיין מוטערשאַפט,
די קינדער־וויג, פאַר דער פאַבריק,
און טויזנטפאַך מיך מער פאַרשקלאַפט —
האָסט מיר געראַובט די פרייד פון זיין אַ מאַמע...

אין גלייכן טראָט בין איך דיין ווייב,
די זאָרג — זי נעסטיקט אין מיין לייב.
מיינע בריסט — ווי בערגלעך דאַרע חלה —
איך האָב אויסגעחלומט קינדער אויפן ווינט,
נאָר ניט פאַר זיך אַ לעבן פון אַ קינד —
האָסט געראַובט מיר די פרייד פון זיין אַ מאַמע...

האָסט אויסגעטאָן מיין נאַקעטקייט,
די שפּראָצונגען פאַרשניטן אין מיין לייב
מיט אַ קאַלטן דאָקטאָר־חלף...
עס האָט געוויינט דורך נעכט מיין גוף,
האָסט ניט פאַרנומען מיין יאָמער־רוף —
האָסט מיר געראַובט די פרייד פון זיין אַ מאַמע...

זע, ווי יעדער בוים געבערט,
יעדעס בלאַט פון זון גענערט,
ווי אַ קו געבערט אַ קאַלב!
מאַט און מיד איז מיין געשטאַלט —
אין אַ נעסט זינגט אַ שוואַלב,
זי זינגט: זי איז אַ מאַמע...

איך וויל זיין ווי די אומענדלעכקייט,
דורך מיין פרוכטבאַרקייט
אויסטראָגן אַ דור פון אונדזער זאָמען...
איך וויל שמעקן ווי אין פעלד אַ מאַרגאַריט,
און ניט מיט ציגאַרעטן־רויך צעבליט.
גיב צוריק מיר מיין אורשפּרינגלעכן נאָמען!

ס'איז שוואַרצע נאַכט.
מיר שפּאַנען אום אויף בלינדע וועגן.
עס טראָפט פון מיינע אויגן ווי פון הימל איצט אַ רעגן,
איך רוף צו דיר, דו זאָלסט דערהערן,
עס וויינט מיין לייב — געבערן;
עס וויינט מיין לייב — געבערן...

אַ קימפּעטאָרין

ווער קאָן טרייסטן אַט די יונגע מאַמע,
וואָס ליגט אַנטקעגן און רעדט פון שלאָף?
זי האָט געשריגן פאַרן דאָקטאָרס חלף
און געבוירן אַ טויטן גוף.

אַזויפיל פּײַנען דורכגעגאַנגען —
זי האָט די ליפּן געביסן מיט די ציין.
ווי אַ קאַלב צום שעכטן איז זי געגאַנגען,
ווי אַ באַרג געשוואָלן איר געביין...

און ווען זי איז אײַנגעשלאָפן שפּעטער,
האָט זי געזען אַ הויכן וואַסער־מאַן;
זי איז געגאַנגען אויף די כוואַליעס עטער —
טויזנט טויטן דורכגעגאַנגען אין איר שפּאַן...

איצט ליגט זי, אַט די קימפּעטאָרין,
ליידיק זײַנען אירע בלייכע הענט;
זי האָט דעם טויט אַ קינד געבאָרן —
איר אויסגעוויינטן לייב פאַרשעמט.

מען ברענגט די קינדער צו די מאַמעס זויגן;
אירע בריסטן שפּאַרן אָן מיט מילך.
אָ, דעמאָלט דעקט זי צו די מידע אויגן,
איר שטים — אין אַ פאַרשטיקט געהילך...

זי בעט ווי דורך פּײַן און פּלאָגן:
אָ, לייט מיר אַ נפשל בײַ דער זײַט!
פילן ליפּלעך קינדערשע וואָס נאָגן,
פילן פון אַ מאַמע אויך די פרייד...

שטיל ווערט דעמאָלט — עס טרערן אַלע אויגן,
יעדעם נפשל צו דער מאַמעס ברוסט זיך ציט;
די ניי־געבאָרענע קינדערלעך — זיי זויגן,
און די ווייסקייט פון שפּיטאָל וויינט מיט...

אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר

זיי זיינען געגאַנגען — צוויי פאַרליבטע
אַרומגענומען, צוויי באַטריבטע;
זי האָט געטראָגן אַ בלויען באַנד אין אירע האָר,
זי אין אַ לאַנגן כאַלאַט, אין אַ ווייסן,
ווי אין אַ גאָרטן ביידע שפּרייזן
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר.

אַרום זיי קרעכצן און געשרייען,
מענטשן קומען און זיי גייען,
זי שפּאַנט מיט אירע אַכצן יאָר.
צווישן טירן גלייך אין רייען,
זיי שפּאַנען ווי דורך אַלייען
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר.

זיי שפּאַנען הין און קריק אַרומגענומען,
ווי דורך געדטנער אויסגעבעט מיט בלומען,
דאָס אויסדערוויילטע פּאָר.
עס רוישן טייכן אין זייערע אויערן,
אין גרינע וועלדער זיך פאַרלוירן:
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר.

וואָס טוען שוועסטער אין ווייסע יאַקן?
עס פיבערן ווי מאָן די באַקן,
נאָך אַ טאָג — און נאָך אַ יאָר.
זאָלן אייביק דויערן די מינוטן,
ווען עס זינגען אירע בלוטן
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר.

עס קלינגען שוין די אָפּשיידס־גלאָקן,
איר פּנים קריידיק ווייס דערשראָקן,
עס רופט צוריק די קראַנקע וואָר...
איר לעבן האָט צו אים געזונגען,
דאָס מיידל מיט די קראַנקע לונגען
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר.

איך האָב געזען אַזויפיל לײדן,
בלויז דער טויט וועט זיי צעשיידן —
דאָס פאַרליבטע פּאָר.
ער איז אַליין אַראָפּ די שטיגן,
מיט גרויסע טרערן זי האָט געשוויגן
אין שפּיטאָל — אין קאָרידאָר...

לעבן מיינס

אַ לערן מיך לעבן מיינס, לערן מיך זינגען,
ווען עס וויינען אין שטוב אַלע פיר ווינקלען.

דער, וואָס איז נאָנט מיר, קראַמפּט זיך אין ווייען —
איך קוש אים זיין פּנים, פון פּיין אים באַפרייען...

דער, וואָס איז נאָענט מיר ווי מיינע צען פינגער,
אַ, לערן מיך לעבן מיינס, איך דורך צער זיין אַ זינגער.

דער, וואָס איז נאָענט מיר, ווי דאָס אויג פונעם אַפּל,
שטייגן מיט אים שטאַפּל נאָך שטאַפּל...

דו שפּרייטסט פאַר מיר, לעבן מיינס, שטעכיקע דערנער,
און טראָגסט מיך, אַ לעבן, ווי אַן אָקס אויף די הערנער.

אָט הויבסטו מיך הויך, ארויף צו די שטערן,
און אָט שליידערסטו מיך, צעטראָטן צו ווערן.

איך בין נאָר אַ פרוי, ביי זיך היינט געפאַלן,
איך לויף ווי דער ווינט איבער ליידיקע זאַלן...

איך לויף איצט אַרום און ברעך מיינע פינגער:
אַ, לערן מיך, לעבן מיינס, איך דורך צער זיין אַ זינגער.

און דער, וואָס איז נאָענט מיר, נאָענט ווי מיין לעבן,
גרייט בין איך, גרייט פאַר אים עס צו געבן...

אַ עפּן זיך, ליכטיקער טאָג!

מיט פאַרבראָכענע הענט
צום מאָרגן געווענדט,
אַ עפן זיך, ליכטיקער טאָג!
איך רוף צו דיר, רוף,
ווי אַ קראַנקער פון שלאָף,
אַ עפן זיך, ליכטיקער טאָג!

אויף אַ וואָגשאָל פון לעבן
ווינגט טויט זיך דערנעבן,
אַ מענטש אין געקלאָג.
איך זע דאָרט אַ שטערן
פאַרגיין און ניט ווערן,
אַ עפן זיך, ליכטיקער טאָג!

איך זע אים דאָרט ליגן,
גוף כלאָראָפאָרמירט,
און ערגעץ אַ וויגן,
מען פירט אים, מען פירט.
מיינע הענט אין געקלאָג!
אַ עפן זיך, ליכטיקער טאָג!

איך בעט איצט צום מעסער,
וואָס זוכט אין דער בלינד.
איך בעט איצט צום נאָדל,
וואָס נייט אים די וואונד.
זאָל דער זיידענער פאָדים
ניט צערייסן דעם בונד!

אויף אַ פּיזעריקן וואָגן,
די זון אין איר ליכט,
ברענג מיר צו טראָגן
אַ בשורה פון ליכט!
לעש ניט זיין לעבן,
וואָס צאַנקט ווי אַ ליכט!...

גרייט...

אזויפיל וועגן דורכגעגאנגען,
אזויפיל שטיינער אויף מיין וועג —
ווי מיט פיילן — מיט געזאנגען
דורכגעברענט די נעכט און טעג...

אזויפיל ליידן דורכגעליטן,
איך קאָן די ביטערניש פון צייט,
די האַס פון פאַל ניט אויסגעמיטן
און פאַרהיט פון שניט מיין לייב...

אזויפיל פיינען שוין פאַרנומען,
און מיד איז היינט מיין יעדער גליד.
אָפּטמאָל וויל איך שטומען, שטומען,
פאַרשניידן פון מיין צונג מיין ליד...

נאָר ווען איך שטיי אויף אין באַגינען,
זע אַ זון אין פייער פלאַמט,
נעמען ווערטער אליין זיך שפינען
און גייען אויף ווי זוימען דורך מיין האַנט...

און ווידער בין איך גרייט צום שניטער
און שטרעק מיין האַלדז צום בלויזן שווערד,
איך לאַך אַנטקעגן טויט־געוויטער —
און גיי דורך דערנער אויף דער ערד...

XI

לידער פון געבורט

בראשית

איך קוק אין דיר, ביסט אַנהויב, און טויזנטיאָריקער שפּעטער,
איך האָב אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר אין אַ קראַנץ פון פייגן־בלעטער.

עס האָט די שלאַנג געקוקט פון בוים מיט גיפט אין אירע אויגן ;
אין אַ נאַכט אַזאַ, האָט הימל צו דער ערד זיך צוגעבויגן.

איך האָב געשמעקט מיט רויטע עפּל פונעם בוים דעם אייביק־גרינעם;
איך האָב איינגעוויקלט זיך אין דיר מיט מיין גוף דעם דינעם.

ס׳האָבן מיינע צעפּ מיך איינגעהילט ביז די פיס און נעגל ;
ס׳האָט די זון זיך אויפגעהויבן פונעם גרויען נעפּל.

און ווי חוה אין גן־עדן פון זון און ליכט און שטערן,
האָט מיין לייב פאַר דיר געזונגען : אויך איך וויל געבערן.

עס האָט די ערד געפורעמט זיך אין בערג און טאָלן —
איך האָב אַ טאָכטער זיך אין מיין חלום אויסגעמאָלן...

עס ציט מיין שנור זיך ווייט צוריק צו אוראַלטע ספערן,
געזאָגט האָב איך : איך וויל אַ מענטשהייט דורך אייביקייט געבערן.

ס׳האָט לאַם און לעמפערט אין ליבשאַפט זיך פאַרפלאָכטן
און קין האָט מיט זיין ברודער־האַנט נאָך הבלן ניט געשאָכטן...

ס׳האָבן הירשן אויפן פעלד געטאַנצט מיט בלויע הערנער ;
די רויז האָט אין איר שפּיזן־לייב פאַרשלאָסן אירע דערנער...

ס׳האָבן בלומען אייביקע זייער בליאונג ניט פאַרלאָרן —
ס׳האָט די פינצטערניש דעם טאָג דעם ליכטיקן געבאָרן...

מיר זיינען ביידע דורכן וואַלד גן־עדנדיק געלאָפן —
עס האָט דער פויגל מיט זיין ליד דורך ביימער אונדז גערופן...

ס׳האָבן דורות טויזנטער פון יענער נאַכט זיך שוין געביטן,
דיין ריפּ האָט אין מיין לייב זיך דורך אייביקייט פאַרשניטן...

עס האָבן טייכן זיך געפורעמט, וועלטן חרובע געוואָרן —
איך בין די קייט, וואָס ציט זיך דורך מיליאָנען יאָרן...

איך בין די, וואָס טראָגט דעם וועלט־אַל אין די גלידער :
די מאַמע, וואָס האָט געבוירן — און וועט געבערן ווידער...

אין וואַלד

איך האָב זיך דיר אין וואַלד אָוועקגעגעבן,
ווי דער בוים צום געזאַנג פון ווינט.
איך האָב געזונגען דאָס ליד פון לעבן —
און דו האָסט אין מיר פאַרזייט אַ קינד.

געקוקט אין דיר ווי אין אַ הימל קלאָרן,
געזען דיך אין דיין הערלעכקייט, דו מאַן,
ווי אַ פּלאַנעט אין אומענדלעכקייט פאַרלאָרן,
בין איך געווען פון דיין אָטעם — פלאַם...

ווי מדבר טרינקט אַ הייסן רעגן —
געטרונקען דיך — מיט מיין דורשטיק לייב;
ביי דיין זייט, אין וואַלד איך בין געלעגן,
ווי לעבן אָדמען אַמאָל דאָס וואונדער־ווייב...

ניט שולדיק בין איך פאַרן לעבן שווערן,
וואָס צייט האָט אויף מיין גוף פאַרפלייצט;
דורכן גאַנג פון זונען און פון שטערן,
צום אָנהויב מיט דיר דורכגעקרייצט...

ווי ים וואָס וואַשט אַוועק פון ברעג די שטיינער,
וועט צייט מיך אויך אָוועקוואַשן אין גאַנג —
ס׳האָט דער וואַלד געזונגען מיט שטומע טענער,
און איך בין געווען דאָס אייביקע געזאַנג...

איך האָב קעגן לעבן ניט פאַרבראָכן,
ס׳האָט די צייט מיך געשניטן ווי אַ בייט —
איצט זיג איך אין ווייבלעכן נצחון,
און טראָג אין זיך אַ קוואַל פון אייביקייט...

באַשאַף

אַ וואונדערלעכער אינדערפרי:
די לופט — אויסגעוואשן דינער זייד —
עס גייט אויף באַשאַף אין מיין לייב.

אַ וואונדערלעכער אינדערפרי:
דאָס פעלד מיט זון, די פאָן מיט ווינט —
פון צופיל ליכט איך ווער אַזש בלינד.

אַ וואונדערלעכער אינדערפרי:
דאָס זילבער־ליילעך פונעם טייך זיך וויגט,
פון זונען־שפּיזן אויסגעשטיקט...

אַ וואונדערלעכער אינדערפרי:
עס זינגט מיין בלוט אין מיר,
אַלץ איז בלוי פון מיין באַריר...

אַזוי רייסט אַ פלאַנץ זיך צו דער זון;
מיינע אויגן צו, די ליפּן שטום —
איך נעם דיך מיט מיין לעבן איצט אַרום...

מיין בלוט איז שיכור — און איך בין ווין,
איך טרינק אין יעדן אבר דיך אַריין.
גייסט אויף אין מיר — אַ לעבן מיין!...

עס טאָגט מיין יעדער גליד

עס טאָגט מיין יעדער גליד מיט דיר, מיין קינד;
איך בין דורכגעווייקט מיט דיר, ווי בוים מיט ווינט...

איך וואַקס מיט דיר, אין אַלע וואָרצלען פון מיין גוף;
דו וועקסט זיך אין מיין ליִיב, ווי וועלט באַשאַף פון שלאָף...

דורך אַלע רוימען, דורך אַלע וועגן קלינגט דיין שטים;
דו זינגסט אין מיר, וואו איך גיי, און וואו איך בין...

באַגינען לויכטסטו אויף דורך אַ שטראַל פון זון;
מיט דיינע אַלע פעדים וועבסטו מיך אַרום.

איך בין פול מיט דיר, ווי די זון איז פול מיט ליכט —
עס טאָגט אַ קינד אַרוים פון מיין לויכטנדיק געזיכט...

געפאַרן

איך גיי מיט דיר, עס לויערן אויף דיר געפאַרן;
איך וואָלט דיך וועלן אין מיין לייב פאַרשפּאַרן...

אויטאָמאָבילן הוזשען, באַנען לויפן, געפאַר־סיגנאַלן:
איך גיי איצט ווי אַ שיכורע, מיר ווילט זיך פאַלן...

קוילן פליען פאַרביי די אָנגעשטרענגטע אויערן;
פון אַלע ווינקלען פויסטן אויף דיין לעבן לויערן...

ביסט צוגעבונדן מיט דיין נאָפּל צו מיין לעבן —
איך בין דורכגעוואַקסן מיט אַלע דיינע פעדים.

איך גיי מיט דיר, עס פויקט מיין האַרץ ווי פויקן;
איך היט דיך ווי אַ חיה מיט טויזנט אויגן...

איך לויף אַריין אין שטוב, אויפן בעט איך פאַל אַנידער,
און ווידער זינגען מיט דיין פולקייט מיינע גלידער...

די קאַץ

ס'האָט דער ווינט געלאָזט זיך אויף זיין רויב,
געריסן מיט געוואָי דאַך, און טיר, און שויב.

ווי אַ זייער האָט דער הימל שניי געזייט,
די שווארצע ערד מיט ווייסן צווייט פאַרשנייט...

אַ לאָמטערן אין דער נאַכט האָט שיכור זיך געוויגט,
דער ווינט האָט זיך מיטן ליכט געקריגט.

ווער־זשע גראַבלט אין מיין טיר ביינאַכט?
ווען אַלע שלאָפן שוין, איך איינע וואַך.

איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, עפן אויף די טיר,
אַ שווארצע קאַץ גיט אַ בליץ אויף מיר.

אויגן — פלאַם פון גאָלד, סאַמעטענע האָר,
אויפן האַלדז אַ ווייסער פאַס, ווי אַ זילבער שנור.

מיט אַ שווערן בויך — אַ זעקסטלינג אויף געוויס,
און זי קוקט צו מיר, און ציט צו מיר די פיס...

שענק פאַר מיר אַ ווינקל, און אַ וואַרעם פּלאַץ —
מיט שטומקייט אין די אויגן בעט די שווארצע קאַץ.

די אויגן שפּריצן גאָלד, די שווארצע קאַץ זי בעט:
דו טראָגסט דאָך אויך, און האָסט אַ וואַרעם בעט...

ס'איז זומער דאַן געווען, אין לבנה־גלאַנץ
האָב איך צום שטערן־ליכט אַרויף אַרויפגעטאַנצט...

איצט שלעפּ איך זיך אַרום, זוך פאַר זיך אַ נעסט,
און עס זייט דער שניי דורך די נעכט מיט פרעסט...

און זי קניט אַראָפּ, נורעט זיך אין פעל
און דרימלט איין אין פרידן אויף מיין שוועל...

איך שלייך צוריק צום בעט, אַלץ אין מיר איז קלעם,
צוויי פינקלדיקע פּערל לויכטן דורך מיין ברעם...

באַגינען

ס'איז גרויער טאָג. מיין אויג איז וואַך.
פון ערגעץ שווימט געוויין פון פידל.
וואָס־זשע האָסטו מיך דערמאָנט,
דו וויינענדיקער ניגון?
איך זע אַ מאַמע אויפן ווינט
אַ וויגל איצט פאַרוויגן...

די שטערן הענגען אויף מיין דאַך,
און עס וויינט די וויטע פידל.
פון ערגעץ טויכט אַ יאָמער־לאַנד,
קעפ אין צער זיך וויגן.
אויף אַ טייך עס שווימט אַ קינד —
עס האָט דער טייך עס אויסגעשפּיגן.

מאַמעס וויינען היינט אַ סך:
הער אויף צו שפּילן, פידל!
האָסט אין באַגינען מיך דערמאָנט
פון יעדן לאַנד אַ טרויער־ניגון,
און מיין שרעק מיט זיי פאַרשפּינט,
אַ פידל, ווער אַנטשוויגן!...

וויינט די פידל אויף איר שפּראַך,
איך זע זיי אַלע ווי אין שפּיגל.
איך שטרעק צו יעדער מאַמען אויס מיין האַנט
און וויל איר צער פאַרוויגן —
אין וועמעס טראַכט עס וואַקסט אַ קינד,
אַ ברענג זיי טרייסט, דו ניגון!

דורך מיין מאַמען

ס'איז ווייסער שניי. שרעק קוקט דורך מיין אויג.
מיינע פּיס מידע שפּאַנען.
מיין בויך אָנגעבלאָזן ווי אַ פּויק —
איך האָב דערזען זיך אין געשטאַלט פון מיין מאַמען.

עס איז געווען אַ מלחמה־טאָג,
דער הימל האָט מיט טויט גערעגנט.
און איך, אַ קינד, האָב אין מיטן ראָג
מיין מאַמען אויפן שניי באַגעגנט.

זי איז געגאַנגען ווי אַ זייגער אין געוויג,
אין די הענט געשוואָלענע צוויי וואַסער־קאַנען.
דאָס געוויין פון שטאָט אין איר יאָמער־בליק
האָט אַרויסגעוויינט דורך מיין מאַמען.

דער ווייסער שניי האָט אויסגעבעט זיך ווייך,
זיין ווייסע פעל מיט רויטע פליאַמען.
מיין מאַמעס פּנים גרוי און בלייך,
און די שטאָט אין רויטע פלאַמען.

איך האָב אויסגעשטרעקט מיינע קליינע הענט
צו מיין שוואַנגערדיקער מאַמען;
איר דימענט־בליק האָט מיך דורכגעברענט,
און איך האָב דעם פּיין פון געבורט פאַרשטאַנען...

אַזוי ווי הינטער אַ שוואַרצן וואָלקן־זון
האָט געריסן זיך צום ליכט אַ לעבן;
מיין מאַמע האָט פון יענער רגע אָן
דעם צער פון אַלע פרויען מיר איבערגעגעבן.

היינט בין איך אַ פרוי אַליין —
און זע זיך שווער און בויכיק שפּאַנען;
מיינע אויגן — נעסטן מיט געוויין,
איך זע זיך אין געשטאַלט פון מיין מאַמען...

אַ ווייסער זקן

ס'האָט מיט שווערע טראָפּנס גערעגנט,
איך האָב אין גאַס אַ זקן באַגעגנט.

ווייס האָט דער שניי זיין קאָפּ באַזילבערט,
זיין גאַנג מיט דריבנע טריט באַציטערט.

די אויגן ווי גלעזערנע קנעפּ פאַרשטאַרט,
ער האָט מיט זיין שטעקן אין רעגן געשאַרט.

איך בין אים אַנטקעגן געקומען אומגעריכט,
איינגעזאַפּט אין מיין בליק זיין פאַרמעט געזיכט...

און ער האָט דערזען ווי מיין מאַנטל איז ברייט,
אַ לעבן גייט אויף, און זיין לעבן פאַרגייט...

דורך געוועב פון בליקן האָב איך געטראַכט,
ווי עס גייט אויף דער טאָג, און עס פאַרגייט די נאַכט...

מיין קינד האָט זיך געוואָרפן אין מיין לייב,
זיך געריסן צום ליכט פון מיין אינגעווייד.

ס'האָט דער זקן געשמייכלט דורך אַ ליידיקן מויל,
מיין לייב האָט געשווידערט מיט לעבן און גרויל.

און איך האָב געזען אַזויפיל טרויער אין גאַנג,
געהערט פון טויט דעם שניטער געקלאַנג,
געוואָרן איז מיר אַזוי באַנג, אַזוי באַנג.

אין מיר האָט געפּויקט דאָס געזאַנג פון מיין קינד,
אַ לעבן גייט אויף — און אַ לעבן פאַרשווינדט...

מיין וואַלד-קינדעלע

אַ מיין וואַלד־קינדעלע, איך האָב אין דיר אריינגעשפּונען
דאָס רוישן פון וואַלד, דאָס גאָלד פון די זונען,
די דופּטיקע ווינטן פון צייטיקע לאַנען
פאַרוואָרצלט אין מיר — ווי בוים מיט די שטאַמען...

אַ מיין וואַלד־קינדעלע, דורך שטורעם פון צייטן
געחלומט פון מענטשן באַפרייטע פון קייטן,
און דאָרט וואו מיין חלום איז נאָך ניט דערגאַנגען,
זאָלסטו דערגאַנצן מיט דיינע נעראַנגלען...

עס זינגט איצט מיין הארץ מיט דינקייט פון פליטן,
איך זע דיך אין קאַמף דורך ליכטיקע צייטן.
צוזאַמען מיט העלדן דורך דורות פאַרשפּונען,
זאָל לויכטן, מיין קינד, דיין העלדישער נאָמען.

געבורט

א.

עס איז שוואַרצע נאַכט.
זי פּאָרט. זי פּאָרט.
אין האַנט אַ רענצל און העמדעלעך אַ פּאָר.
דאָס קינד אין איר דרייט זיך איין
און וועקט און קנוילט איר ווייטיקדיק געביין.
עס וויל צו דער ליכטיקער וועלט אַרויס,
באַפרייען זיך פון דער מוטערס שויס.
זי פּאָרט, זי פּאָרט,
אין האַנט אַ רענצל, און ווייסע העמדעלעך אַ פּאָר.

ב.

און מענטשן קומען איר אַנטקעגן.
מענטשן אָן אַ צאָל.
אַ לאַמטערן פיבערט דורך די וועגן
מיט קאַלטן שטאָל.
מאַשינען יאָגן אין געיעגן
אַראָפּ פון טאָל.
זי וויל זיך מיט אַלעמען געזעגענען,
אפשר זעט זי זיי צום לעצטן מאָל.

ג.

זי פּאָרט, זי פּאָרט,
דאָס קינד רייסט זיך אין איר אינגעווייד,
דער רוקנביין ווי מיט אַ זעג ער שניידט.
זי פּאָרט, זי פּאָרט,
נישטאָ קיין צייט, נישטאָ קיין צייט,
דער שפּיטאָל מיט שויבן אויפגעשיינט.
זי פּאָרט, זי פּאָרט.
זיי געזונט, דו הימל, שטערן,
ווער ווייסט, אויב זי וועט פון דאַנען זיך אומקערן...

ד.

זי ליגט אין פּיין אויף ווייסן בעט,
די ווייען קומען אָן געשווינדער,
צו דער נאַכט די פויסטן אין אַ געבעט,
פון ערגעץ שווימט געוויין פון קינדער.
אַנטקעגן טיר עס ציט אַ קאָרידאָר —
ווי אין אַ בינען־שטאָק עס וויינען

קינדערלעך פון א נייעם דור —
דאָרט ליגן זיי אין איינעם.
אירע אויגן גליען ווי אין פיבער,
די אָדערן ווי דראָטן אָנגעצויגן,
און עס ווײנען אירע גלידער,
ווי שפּיזן וואָלטן איבער זיי געפלויגן,
ווי פּאָדקאָוועס פערדישע וואָלטן איבער זיי געטראָטן,
ווי לאָפּעטעס ערד וואָלטן זי פארשאָטן.

ה.

פלוצלונג בליצן די שויבן אין קאָרידאָר,
זי דערזעט אין פענצטערל קינדערלעך א פּאָר.
א ווייסע „נוירס" א מילכיקע, א מאמע,
צווישןביידע הענט זי האַלט זיי צוזאמען.
זי שפּרינגט אראָפּ פון בעט,
שאַרט זיך צו צום שיין
און קוקט אינעווייניק אַריין.
און עס גיסט זיך דאָרט ניי־געבאָרן געוויין,
קינדערלעך אין קאָשיקלעך ריי נאָך ריי,
פנימלעך צו פנימלעך אין העמדעלעך ווי שניי.
גופּימלעך צו גופּימלעך אין קאָשיקלעך זיי ליגן.
אָ, קינדערלעך, ניי־געבאָרענע, לאָזט מיך אייך פארוויגן!
אָט באַלד, אָט באַלד,
וועט אויך מיין לעבן שלאָפן ביי אייער זייט.
און די קינדערלעך גנעצן און וואָרקען ווי די טויבן,
די „נוירס" פארציט מיט ראָלעט דאָס ליכט פון די שויבן.

ו.

פּיאָווקעס האָבן איינגעדרייט אירע גדערים,
אירע ציינער קריצן פון יסורים.
אין מאָרפין־קאָשמאָרן זי ווערט אנטשלאָפן,
זי הערט אויסטערלישע שטימען רופן.
עס רייסט אויף די ערד, אַלץ שווימט,
א שיף, כוואַליעס וויגן זיך אין ווינט,
זי זעט א מענטש שפּאַנט אויף כוואַליעס
און טראָגט איר צו א קינד.
נאָך איר שאַרקן, שלאַנגען, קראָקאָדילן,
ווי בייזע מאָנסטערס כוואַליעס ברילן,
אויפן נאָדל־בעט זי קראַמפּט זיך איבער,

אירע ליפן בראַנדיקן אין פיבער.
זי עפנט אויף די אויגן:
וואו איז דער ים?
לעבן איר געבויגן,
עס זיצט אַ מאַן
און קושט איר אויס דעם שוויס פון שטערן
און רעדט צו איר:
מיין ווייב, דורך פיין דאַרף מען געבערן!

ז.

דער דאָקטאָר קומט. וואו האָט זי אים געזען?
עס איז געווען יום-כפור אין איר היים.
אידן אין קיטלען, אין ווייסע כאַלאַטן,
צווישן זיי דאָס געוויין פון איר טאַטן.
זיינע אויגן ברענען אין די ספרים,
טויטע זאָלן אויפשטיין פון די קברים;
עס קומט אריין אַ צווייטער דאָקטאָר,
עס קומט אריין אַ דריטער;
דאָס איז ניט אַ שפּיטאָל —
ס'איז איר היים — געוויין אין שול,
אידן בעטן — עס איז יום-כפור.

ח.

פאַרוואָס אזוי פיל ווייטיק? פאַרוואָס אזוי פיל פּיין?
די נאַכט ציט זיך אין דער אייביקייט אריין.

אַ לאַנגע קייט געשטאַלטן קומען צו איר בעט,
און איינע אַזאַ ווייטע פון אַ קבר רעדט:

— דאָס בין איך, דיין אורעלטער-באָבע פון אַ ווייטן דור,
דיין קינד דאָס קומענדיקע וועקט מיך מיטן נאָפּל-שנור...

דו דאַרפסט אָפּקומען פאַר מיר, פאַר מיינע זינד,
איך האָב געגאַרט פון אַ פרעמדן זכר — אַ קינד.

צו דרייצן יאָר האָט מען אָפּגעגאָלט מיינע האָר,
געשטעלט אַ חופה מיט אַ זקן, עלטער פון אַ דור.

מיין מאַן, דער אַלטער למדן, האָט אין ספר נאָר געקנעלט,
אין גאַנס חדר האָט פאַר אים געשיינט די וועלט.

— און איך, אַ יונגע אישה, האָב נאָך ליכט געגאַרט —
נאָך הימל, און נאָך זון, פון לעבן אָפּגעגאַרט...

און געדאַכט האָט דער פרעמדער צו מיר גענענט,
נישט אויסגעטאָן מיין הייבל — אויסער די פיר ווענט.

און אזוי האָב איך געבויגן זיך צום ווילן פון מיין מאַן,
און אָפּגעהיט די ריינקייט פון מיין דורותדיקן שטאַם...

אויף דער ערד בין איך געלעגן — ווי אַ בלוטיקע לאַם,
איך בין געווען פון שייטער דער פייערדיקער פלאַם.

דיר איז בעסער; מיר האָט קיינער ניט געהאָלפן אין ווייען,
אליין דעם נאָפּל אָפּגעביסן — דאָס קינד פון זיך באַפרייען...

און זי טרעט צוריק, צוריק, מיט אַ מויל אָן ציין,
און עס הויקערט זיך אַראָפּ אין קבר איר געביין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס ווילן אָט די שטימען פון די דורות ווייטע?
איבער איר בויגט זיך איבער אַ נאָנע אַ פּאַרשנייטע...

ט.

לאָמפּן ברענען ווי אין אַ שׂרפה,
פאַרן פייער־אויוון שטייט אַ מכשפה.
קעסלען קאָכן, עס שלאָגט אַ פּאַרע —
צוואַנגען זידן — מאַכט אַ וואַרע!
פּנימער אין ווייסן גאַז געהילט,
די טויט־קאַפּעליע האָט זיך צעשפּילט.
די לאָמפּן אין אַ פייער־וויכער,
אין לופטן פאָכן ווייסע טיכער.
זי ליגט געבונדן, די פיס אין הויך,
אָט באַלד וועט אויפרייסן איר בויך,
מיטרייסן דאָס האַרץ, די הענט.
עס שווינדלען די וויגנדיקע ווענט,
דער טיש, די צוואַנגען
וואַכן אויף ווי שלאַנגען.
אַלץ נעמט זיך באַוועגן,
יעדע שטומע זאַך קריגט לעבן,
אויפן טיש זי ליגט — די פיס אין הויך געבונדן,
ווער האָט זי אין אַ שייטער אָנגעצונדן?
עס וויינט באַשאַף פון אַ פרוי,
וואָס איז געבוירן געפיינט צו זיין אַזוי...

י.

אוי, מאמע, מאמע, מאמע, פארגעם, אוי, מיין געוויין!
עס ווייגט צו דיר, מאמע, מיין יאמערדיק געביין.

פון דיין גוף זיך אפּגעריסן — איך בין א פרוי אליין.
ווי נאָענט ביסטו מיר, מאמע, ווען עס יאָמערט מיין געביין.

אין צוואנציקסטן יארהונדערט — מענטש איז נאָך געהיים,
באשאף גייט דורך דורך ווייען — עס יאָמערט מיין געביין.

איך בין אליין דאָס לעבן, איך קום נישט פון א שטיין,
פון פלייש און בלוט די פעדעם, מיין יאָמערדיק געביין.

א מענטש איז אין געראנגל — פארצווייפלונגט מיט פארגיין —
נאָענט ביסטו מיר, מאמע — ווען עס יאָמערט מיין געביין.

י״א.

דער זייגער קלאפּט, און קלאפּט, און קלאפּט,
און רוקט די שעהען פאָרויס,
און אויפן דאָקטאָר־טיש א מענטש גייט אויס.

דער זייגער קלאפּט, און קלאפּט, און קלאפּט,
אין א רגע־טאנץ דאָס רעדל גייט,
פארנעמט נישט ווער, א מענטש פארגייט?

דער זייגער קלאפּט, און קלאפּט, און קלאפּט,
דער ווייזער רוקט די נאכט געשווינד,
אין די רגעס שלאפט געבורט פון קינד.

דער זייגער קלאפּט, און קלאפּט, און קלאפּט,
טייטלט מיט צוויי שווארצע פינגער די צייט —
אזוי נעכטן, אזוי מארגן, דער זייגער גייט...

י״ב.

לאמפּן ברענען אין א פייער־ראָד,
פלאמען טאנצן א קאראהאָד;
מען לייגט איר צו אן עטער־שוואָם,
און אלץ פארזינקט ווי אין א תהום.
ווי א טרינקענדיקער שווימט זי אינעם עטער,
און ווערט אין תהום צעשמעטערט.
אויף פייער־לייטערס זי קלעטערט איבער,
און פאלט צום אפּגרונט ווידער.
עס שטיקט און ווארגט דער עטער,

אַ ווייסער דאָקטאָר, זיי מיין רעטער!
איך וויל ניט שטאַרבן, איך וויל ניט שטאַרבן!
פאַראַן אַזויפיל לעבן נאָך צו אַרבן. —
און ווייסע נאָנעס ווי די זעגלען שוועבן,
דאָקטאָר, דאָקטאָר — ס'קומט אַ לעבן.
און ווי אַ בוים, וואָס קאָן זיך פאַר דער האַק ניט ווערן,
זי גיט זיך איבער — זאָל איר לייב געבערן...

י״ג.

און פּלוצלונג אַ געפלעכט פון פייער־הענט,
מען רייסט פון איר אַראָפּ דאָס העמד.
אַלע שלעפּן שטיקער פון איר לייב,
אַלע שרויפן גריזשען איר געביין,
אַלע צוואַנגען ציען אירע ציין.
אַלע נאָדלען שטעכן אירע לענד,
אין פייער־אויוון ווערט איר גוף פאַרברענט.
טויזנט וועלף שפּרינגען אויף אַ מאָל,
מען רייסט פון איר אַרויס דאָס קול.
מען שלעפּט פון איר דאָס האַרץ אַרויס,
מען שטעכט איר אויך די אויגן אויס,
מען ברענט מיט פייער דאָס געשריי,
קיין הילף איז ניט פאַראַן,
אָט צערייסט מען זי אין צווייען.
מען קאָרמעט זי מיט סם.
מיטן לעצטן אָטעם וואָיעט זי: „אַ העלף!״
און גיט זיך איבער צו די בייזע וועלף.
מען רייסט אַרויס פון איר אַ האַלבן גוף,
און זי זינקט, און זינקט אין אַ טויטן שלאָף.

— — — — — — — — — — — — — —

דורך פּיין דאַרף מען געבערן,
אירע אויערן הערן, הערן.
אַ קינדעריש געוויין —
ניין, זי איז דאָ נישט אַליין.
איר אייגן בלוט און פלייש וויינט מיט,
האַרץ פון איר האַרץ, גליד פון איר גליד,
דאָס קינדערשע געוויין וועקט זי אויף פון טויט.
— דער זאָל ברענט רויט.
ווער איז זי? וואָס איז געשען?
דורכן רויטן נעפּל האָט זי אַ קינד דערזען —
אַ נאַקעטס,

אויסגעוווייקט אין איר בלוט,
נאָר מאָדנע איז איר גוט.
איבער איר גיסט זיך אזא רו,
זי מאַכט די מידע אויגן צו.
נאָנעם מיט טאַצן שוועבן —
היי, היי, אַ נײַ לעבן.
נעמט לעקעך, פלאָדן,
לאָמיר דאָס קינדערלע אויסבאָדן.
און די ווײַסע נאָנעס שוועבן —
אַ נײַ לעבן, אַ נײַ לעבן,
עס איז אַ טאַנץ אזא
פון הענטעלעך און פיסעלעך,
פון קינדערשע גופימלעך.
אַלע, אַלע שוועבן —
אַ נײַ לעבן, אַ נײַ לעבן.
זי פילט אַ ליידיקייט אין גוף
און זינקט אין רו, אין שלאָף.
אַלע, אַלע שוועבן —
אַ נײַ לעבן, אַ נײַ לעבן...

י"ד.

נישט פון טײַכן און פון קוואַלן,
נישט פון לויכטנדיקע שטראַלן
הײלט דעם מענטשנס טרער.

נישט פון פּערל אין די גרונטן,
נאָר דורך ליבּ וואָס ווערט אנטבונדן
לויכט דעם מענטשנס טרער.

נישט מיט רויטע קעלער־ווײַנען,
נאָר דורך אויגן ווען זיי שײַנען
גליט דעם מענטשנס טרער.

נישט פון טײַכן איז געריניקט,
נאָר דורך לײַדן איז געהייליקט
דעם מענטשנס טרער.

י״ח

אויף דער רווישיקסטער גאַס דאָרט שטייט אַ שפּיטאָל,
געשלאָסן מיט בלאַנקנדע ראַמען,
אין איינעם פון ווענט אַן אַ צאָל,
דאָרט ליגט די גליקלעכע מאַמע.

ווייס דאָס געלעגער און זייבער די ווענט,
עס שמעקט מיט שפּיטאָל און קאַרבאָלן.
דאָרט ליגט די מאַמע, אין די בלייכע הענט
זי האַלט דאָס קינד ניי־געבאָרן.

פון זיבעטן שטאָק עס כישופט ניו־יאָרק,
מיט מויערן געטורעמט אויף מויערן.
ווייס געפאַלענער שניי האָט די קוימענס פאַרקאָרקט,
די שויבן מיט דימענט פאַרפרוירן.

ווייס ליגט דער שניי אויף דעכער צעזייט,
ניו יאָרק וואַכט אויף מיט באַנען־געפּילדער.
ווייסע שטילקייט אויף בעטן צעלייגט,
ווי אויף דעכער — שניי, געפאַלענער זילבער.

וואָס טראַכט אַט די מאַמע? וואָס פינקלען די אויגן?
אַ פרעג נישט, אַ פרעג נישט, דו מענטש —
זע דאָס קינד ציט די ליפּלעך צום זויגן,
און בענטש זיי, און בענטש זיי, און בענטש.

אינהאַלט

מיין ליד — 3

I

ס'איז איך — 5
אַ טאָג — 6
אין אַלטן וואַלד — 7
פּיאָנערן-פּרויען — 8
דער העקער — 10
דער פּאָטער לינקאָלן — 11
צוויי אינדיאַנער — 12
ביים ברונעם — 13
פרימאָרגן — 14
פאַר אַ שטורעם — 15
אַ חתונה — 16
די קו — 17
דער שוואַרצער סאָלאָמאָן — 18
וואַסערפאַלן — 19
אַ פערד און אַ רייטער — 20
זון-פאַרגאַנג — 21
האַרבסט — 22
אַ טויטער בוים — 23
געזאַנג פון האַרבסט — 24

II

לידער פון מיין לאַנד — 25
הימלאָזע — 26
אויף בראָדוויי — 27
דער גאָלדענער טאָל — 27
פעלקער-מאַרשרוט — 28
שכנים — 29
דאָס בלינדע הויז — 30
אין קעלער — 31
פון דער הויך — 31
פאַרבער אויף „פּייער-עסקייפּס" — 32
ביים ברעג פון ים — 33
דער נעגער אין סאָבוויי — 34
אַ בוקעט מיט בלומען — 35
אַ גאָרטן פון ניו יאָרק — 36
טריט — 37
דער ליכטיקער טורעם — 38

III

טרייענגל-פּייער — 39

IV

משה — 51
איך בין אַ סינדערעלאַ — 52
פאַרן שפּיגל — 53
דורך ראַדיאָ — 54
ווען טער — 54
דער הפקר-טאַנץ — 55
איך בין אַ קאַרפּאַטן-קינד — 56
און איך זינג — 57

V

דער צלם — 58
מאַטראָסן — 61
דזשאַאים רעבעלאַ — 62
עס ווייגט די רויטע פאָן — 64
אַ מאַמע — 65
פרוי קאַפּיטאַן — 66
צוועלף באָרוועסע ברידער — 67
מיין שטאָם מאַרשירט — 68
און אַנדערער — 69
דאָס ליד פון ברויט — 70
איז געקומען אַ איד פון ברוקלין — 73

VI

עס שרייט די שטילקייט — 77
פאַרן שניט — 78
ווי פילט זיך אַ זיגער? — 79
זאַנגען און צלמים — 80
ניט זינגען מער... — 80
וואָס איז אַ מענטש? — 81
הונגער — 82
אַ בינעזערל — 83
אַ קוש — 83
צו אַ זינגערין — 84
צו אַ שכניש אינגל — 85
מיין נפש — 86
קינד, דו נייער מענטש — 87
און עס וועט זיין... — 88

VII

חלות — 89
„פּראַטשקעס" — 90
עס טאַנצן די רעדער — 91
די מילך-מויד — 92
לבנה אויף דעכער — 93
מיין פּרינץ—דער שבת — 94
היים, מיין היים — 95
מיין היים „מאָנאַסטרישטש" — 96
אַ בריוו — 102

VIII

אַ פויגל פליט — 103
טרויעריקע ווערטער — 104
שטילקייט — 105
ריפּ-וואַן-ווינקל — 106
קדושים — 107
אויף אַ שמאָלער סטעזשקע — 108
אויף דיין ליידיקן שטול — 109
קום צו מיר, שטילקייט — 110
אַ בריוו צו די אידישע פּאָעטן — 111

IX

מזל-טוב — 113
ווייסע בולקעלעך — 114
גוט-מאָרגן — 116
די גענדזעלעך מיטן אינדיק — 116
דיין שליטעלע — 117
דאָס טייכעלע — 118
דער שיך-פוצער — 119
דאָס סאָסנעלע — 120
עמוס — 121
וויג-לידער — 122
מיין קינד — 123
פאָרט אַ אינגעלע — 124
צום ערשטן מאַי — 126
זיבן שוועסטערלעך — 127

X

פרילינג — 128
זון-אויפגאַנג — 129
די שטילקייט זינגט — 130
ליב און שטערן — 131
זון — 132
אין פעלד — 133
ווי דער פעניקס — 134
ווי יפתח . . . — 134
מרים פון נאַזאַרעט — 135
מוטערשאַפט — 163
אַ קימפעטאָרין — 137
אין שפיטאָל—אין קאָרידאָר — 138
לעבן מיינס — 139
עפן זיך, ליכטיקער טאָג! — 140
גרויש . . . — 141

XI

לידער פון געבורט

בראשית — 142
אין וואַלד — 143
באַשאַף — 144
עס טאָגט מיין יעדער גליד — 145
געפאַרן — 145
די קאַץ — 146
באַגינען — 147
דורך מיין מאַמען — 148
אַ ווייסער זקן — 150
מיין וואַלד-קינדעלע — 150
געבורט — 151